STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04536

NOENTE VAYTN

Yosl Bukhbinder

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Etta & Anna
in memory of
their beloved parents, Polly & David Binder

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Bukhbinder, Iosif Shmulevich,
1908-
Noente vaytn.
889.091
B

מאָסקווע
פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל"
1983

С(Евр)2
Б 94

דער אווטאָר פון דעם בוך „נאָענטע ווײַטן" יאָסל בוכבינדער איז אײנער פון די עלטסטע און אָנגעזעענסטע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער, וועלכער איז באַוווּסט אַלס אַ דיכטער אַ ליריקער מיט אַן אײגענעם סטיל און אַ שאַרפֿן געפֿיל פֿון היַנטצײַטיקײַט.

יאָסל בוכבינדערס ערשטע לידער זײַנען געוועזן פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער מיט פֿון די צוואַנציקער יאָרן. פֿאַר די העכער פֿופֿציק יאָר פֿון זײַן ליטעראַרישער שאַפֿונג זײַנען דערשינען באַ פֿופֿצן פּאָעטישע זאַמלונגען. די מערהײַט פֿון זיי זײַנען איבערזעצט אין רוסיש און אין אוקראַיִניש.

אין זײַן נײַעם בוך „נאָענטע ווײַטן" זײַנען אײַנגעשלאָסן די מערהײַט לידער, וואָס דער דיכטער האָט אָנגעשריבן פֿאַר די לעצטע צען יאָר. דאָס זײַנען לידער וועגן נאַטור, וועגן ליבע, מענטשלעכקײַט, פֿרײַנטשאַפֿט. דער לײַטמאָטיוו פֿון יאָסל בוכבינדערס שאַפֿן איז דער קאַמף פֿאַר שאָלעם, קעגן נעאָ־פֿאַשיזם און מילכאָמע־אונטערצינדער.

Б $\frac{4702200000-457}{083(02)-83}$ 392—84.

© *Издательство «Советский писатель», 1983 г.*

אָט שטייען זיי, די קאָפּנעס...

אָט שטייען זיי, די קאָפּנעס, מיט היי און קאָניושינע,
צעשטעלטע ווי די יורטעס אינעם אָפּגעקאָסיעט פעלד.
אַף די לאָנקעס די פּילטוויִקע שפּאַנט שוין דער באַגינען,
די ליכט זײַנע די וואַרעמע צעטיילט ער פאַר דער וועלט,
אומעטום, פאַר אַלעמען, ווו ס'האָט ליכטיקײַט געפעלט.

העלף איך אים צעטראָגן די גינען-שטראַלן ערשטע,
אַז קיינער זאָל ניט בלײַבן ערגעץ-ווו פאַרזען,
ווי בינען האָרעפּאַשנע זאַמלען זיסקײַט פונעם געדשטן,
אַזוי וועל איך די זונען-שײַן צונויפקלײַבן אַהער,
אַז קיינער זאָל אָן ליכטיקײַט ניט לעבן אַף דער ערד.

נאָר וואָס ווײַטער ווערט מיר שווערער
מיט אָט דער שיינקײַט זיך צעשיידן,
פאַרלאָזן אָט דעם ווונדער, ביז ס'וועט צופאַלן די שקיִע,
כ'האָב פון קינדווײַז נאָך געקליבן אַף די לאָנקעס מײַנע פריידן
פאַר מײַן איינציקער געטרײַער, פאַר מײַן יוגנטלעכער ליבע,
וואָס פון לאַנג איז זי אַוועק שוין,
נאָר איר נעסט איז דאָך פאַרבליבן.

דערמאָנונגען אַזויפיל, דאָס האַרץ מײַנס זיי צערודערן,
זיי לאָזן מיך ניט רוען, מײַן יעדן גליק צעגלידערן,
אָט דוכט מיר ווי פונווײַטן יאָגט אַ רײַטעריער
און איך לאָז זיך אים אַנטקעגן מיט אַ בינטל קאָניושינע,
האָדעווען דאָס פערד זײַנס. מיט די נאָזלעכער צעפינעטע
פון יאָגן זיך, פון טראָגן זיך אין פײַערדיקן שלאַכט.

זוך איך דעם בודיאַנאָוועץ און קאָן אים ניט געפינען,
ווי א שטערן, וואָס פארלירט זיך אין אן אויסגעטרוימטער נאכט.

זעונגען אזויפיל מיך באלאגערן אצינדערט,
צו ווײַטקייטן אומענדלעכע, זיי פירן מיך אוועק,
כ'וויל מײַן יוגנטלעכע דרייסטקייט שענקען מײַנע קינדער,
אז קיינער זאָל ניט לעבן מער אין ציטער און אין שרעק.
צופוסנס לעם א סקירדע פון פרישער קאָניושינע,
ווי א מידער רײַטעריער זעץ איך זיך אוועק...

ווי א פרילינג-טײַך א ברייטער, ערגעץ וויגן זיך די טוווּעס,
מיט פרישקייט זיי פארשווענקען דאָס פארמאטערנדיקע פעלד,
בערעזקעלעך דערוואקסענע מיט גראָווע ווײַסע וויעס
זיי האָבן לעם די וועגן וואכזאם זיך צעשטעלט.
שעפּ איך פארגעניגן פונעם זומערדיקן כיעס
און אײַנהיטן די שטילקייט מיר ווילט זיך פאר דער וועלט.

כאָטש ווייניק איז פארבליבן

כאָטש ווייניק איז פארבליבן
זאנגען פארטיקע אינעם אָפּגעקילטן פעלד,
הער איך ווי זיי שעפּטשען מיט פארשמאכטע ליפּן,
שטרעקן אויס פונווײַטן די שטרוייק-דארע הענט,
בעטן זיך בא יעדן: גייט פארנעמט אונדז פונעם פעלד.

וועל איך ניט דערלאָזן, זיי זאָלן דאָרטן ליגן
פארוואָרפן פון די סטויגן אין איינזאמקייט פארקלעמט.
גיי איך זיי צונויפנעמען, צונויפשארן אין קופּקעלעך,
אז קיינער זאָל פון עלנטקייט ניט לײַדן און ניט וויטעקן.

וועל איך זיי פארייניקן,
וועל איך זיי פארהראבליעווען,

צו די סקירדעס, וועלכע הויכן זיך,
ווי הייזעלעך צעשטעלט
אינעם שמעקנדיקן פעלד.
אַט די רייפקייט די פאַרבליבענע
מיט העגט צונויפגעקליבענע
איך טראָג זי אַף די פּלייצעס
דורך אַן אָפּגעקאָסיעט פעלד.
צו די סטויגן צו די ווייצענע
דערטראָגן כ׳וועל זיי איינציקווייז
די קערנער די פאַרבליבענע,
אין וועלכע ס׳נייטיקט זיך די וועלט.

אַלע טײַכן האָב איך ליב

אַלע טײַכן האָב איך ליב,
סײַ גרעסערע, סײַ קלענערע,
יעדער טײַך פאַרמאָגט זײַןברייטקייט און זײַן טיף,
זײַן דווירעסדיקע שיינקייט און געוווינשאַפט צו זײַן ברעג,
כאָטש בעסער פילט זיך שטענדיק יעדע שווימענדיקע שיף
אַף אַ טײַך אַ טיפערן, וואָס ציט אומענדלעך זיך אַוועק
צו ברעגן ערגעץ פעלדזיקע, העכערע און שענערע.
נאָר איך פון קינדווייז האָב אַלע טײַכן ליב,
ס׳געפעלן מיר אי גרעסערע, אי קלענערע,
כאָטש דאָס טײַכל, וואָס געלעבט האָט לעם מײַן שטוב,
איז קוים געפלאָסן אין מײַן היים דער אַלט-געזעסענער,
האָט אַ ווינט עס אויסגעטריקנט פּלוצעם, מיטאַמאָל,
ווײַל ס׳איז ניט טיף געווען, נאָר קליין אַזוי און שמאָל,
ווי קליין און ניט דערוואַקסן עס האָט אויסגעזען מײַן געסעלע.
איז פאַרבליבן פון מײַן טײַכל בלויז אַן אויסגעדאַרטער דנאָ
מיט אַ שטיין, אַ פּלאַטשיקן, אַ קאַלטן, אַ פאַרגעסענעם.
גראָב איך טיפער אויס די טײַכן אין מײַן אופגעלעבטער היים,

זייער ברייטקייַט, זייער טיפקייַט, זאָל שוין קיינמאָל ניט פאַרגיין.
ווי די וואָלגע, אמאזאָנקע, ווי די ווייַסל, יעניסיי,
פליסט מייַן טייַכל צווישן טייַכן, צווישן פעלדזן אזוי שיין.
אָן טומלעניש די כוואַליעס קומען שטילערהייט צו גיין.
אין דער לויטערקייַט דער טיפער קאָן זיך יעדערער דערזען,
ס'איז זייַן זויבער ווי א שפיגל אויסגעציכטיקט ריין.
יעדער טייַך פאַרמאָגט זייַן שיינקייַט, און זייַן ברייטקייַט,
און זייַן כיין.

א טאַמוזדיקע זון

א טאַמוזדיקע זון האָט אָנגעהיצט דעם וואַלד,
זייַנען ביימער זיך צעלאָפן פון די וואָרצלען,
יעדער בוימעלע צו רעטונג האָט אויסגעשטרעקט די האַנט,
א באַהעלטעניש געזוכט, וווּ ס'איז שאָטנדיק און קאַלט,
געוואָלט זיך ראַטעווען פון אָנגלי,
ווי פון ברענענדיקע ראָצכים.
שטיי איך אף די וועגן און די ביימער איך פאַרהאַלט,
כ'פאַרקערעווע די אַנטלאָפענע צוריק צו זיך אין וואַלד,
ראַטעווען כ'וועל אַלע פון פייַערדיקע ראָצכים.
אז ווידער זאָל איך קענען אין געדיכטעניש פון וואַלד
זיך אָנשפאַרן אין ביימער, וואָס האָבן פעסטע וואָרצלען.

* * *

פאַרוואָס ביסטו, יאַם, אזוי ברויזיק צעזאָטן,
און ס'שפאַרט א צעצאָרנטער ווינט פון דייַן טיף?
ענטפערט דער יאַם מיט צעבייזערטן אָטעם:
— אונטער וואַסער בא מיר שווימט א פייַנטלעכע שיף.
דעם סוינעס א שיף גייט צו ברעגן געשווינד
און טראָגט אף איר לייַב די פאַרניכטונג,

איז וואָס זאָל איך טאָן אף צעבּרעכן איר ריכטונג?
עפּשער ווערן באַם יאם א צעשטורעמטער ווינט,
צי עפּשער א כוואַליע גאָר ווערן?
צי עפּשער א ברעג, וואָס פֿין פעלדזן געשמידט,
וואָס קיינמאָל זיַין שטאַרקייַט קען קיינער צעשטערן?
אז די שטילקייַט פון יאמען זאָל ווערן פאַרהיט,
אז די פייַנטלעכע שיף דערטרינקען זאָל ווערן,
איז אַלץ קאָן איך ווערן.

מייַן מאמען

וועו זי האָט געלעבט

איך בין ווידער הייַנט צו דיר אהיים געקומען,
צו דעם זעלבן שטיבל מיטן גרינעם פּלויט,
און באַם שמאָלן טייַכל, ווו די כוואַליעס ברומען,
ווי א גרויע ווערבע האָסט דעם קאָפּ פאַרנויגט.
האָסט א יאם מיט טייַנעס צו דעם ברעג געטראָגן,
אויך פאַר אַלע שכיינים זיך געקלאָגט אף מיר,
אז אומזיסט געכאָוועט האָסט מיך אַלע יאָרן,
אז מייַן טיפע טרייַשאַפט איז אוועק פון דיר.
ניין, ניין, ניט גלויב, אז איך בין געוואָרן קעלטער,
ניט פאַרטרוי דייַן ווייטעק פאַר א ליידיק האַרץ,
מייַן געטרייַע ליבשאַפט וועט ניט ווערן עלטער,
ווי די זון אין הימל וועט ניט ווערן שוואַרץ.
ווי צוויי טראָפּן וואַסער איינס אין צווייטן געראָטן,
אז דייַן האַרץ דערפרייט זיך, פיל איך אויך דייַן פרייד,
קומט א ווייַטע בענקשאַפט, ווי א טונקלער שאָטן,
הערט מייַן האַרץ פונווייַטן דייַנע צאַרטע רייד.
און מיר דוכט, דו שטייסט נאָך באַ מייַן שמאָלן וויגל
און מיט מידע אויגן דו פאַרוויגסט מיך שטיל,
דו האָסט די ערשטע מיר געגעבן פליגל,

איך זאָל קענען פליִען, ווי דאָס האַרץ מײַנס וויל.
דו האָסט מיך געהאָדעוועט מיט מילכן און מיט קוכנס,
מיט בלוט פֿון האַרצן אין מײַן ענגער וויג,
און וויפֿל מאָל אין אָוונט פֿלעגסטו גיין מיר זוכן
צו דעם גרינעם טײַכל בא דעם אַלטן בריק.
אין טשערעטן הויכע האָסט מיט מילדע אויגן
מיר געזוכט דערשראָקן בא דעם שטילן ברעג,
האָט דען ווער געזאָרגט זיך און דעם קאָפּ פֿאַרבויגן
פֿאַר מײַן ווײַטן גורל, פֿאַר מײַן שווערן וועג?
האָט דען ווער געטראָגן נאָך אַזויפֿיל ווייטעק
פֿאַר מײַן יעדן דורכפֿאַל, פֿאַר מײַן מינדסטער לייד!
דײַן פֿאַרזאָרגטע טרײַשאַפֿט וועט דאָך לעבן אייביק,
מיט אַזאַ מין טרײַשאַפֿט, ווער קאָן זײַן צעשיידט.
איך פֿאַרגעס ניט גאָרניט, ס'וועט מײַן האַרץ געדענקען
דײַנע טיפֿסטע פּלאָגן פֿאַר די ערשטע טריט,
יעדער צאַרטער פֿויגל נאָך זײַן וואַלד מוז בענקען
אין פֿון ווײַטסטע וועגן צו זײַן נעסט ער פֿליט.
וועל איך אויכעט קומען פֿון די ווײַטסטע פֿעלדער
צו מײַן קליינעם שטיבל, צו מײַן קינדהייט-היים,
ווײַל צו דיר מײַן ליבשאַפֿט וועט ניט ווערן עלטער,
ווײַל די גרעסטע טרײַשאַפֿט דאָס ביסטו אַליין.

צווישן מעלקערנס

מילכן ווײַסע וואַרעמע,
פֿרישע אויסגעמאָלקענע,
פֿון אײַטערס אָנגעזאַמלטע,
מילכן אינדערפֿרי̇יקע,
באַטאָגיקע, פֿאַרנאַכטיקע,
טראָגן מידע מעלקערנס
אין קעסעלער אין צינקעווע,
מיט פֿענעמער פֿאַרפֿאַליעטע,

מיט שווערע הענט מאָזאָליסטע,
די מילכן אויסגעמאָלקענע,
פון וואָרצעלער געצויגענע,
פינע-מילכן זאפטיקע
פירט מען פאר דערוואקסענע,
פירט מען פאר די קינדערלעך,
פאר פיצעלעך אין יאסלעלעך,
פאר קלײנינקע אין גערטנדלעך,
וואָס וואקסן דאָרט, ווי עפּעלעך,
גרינינקע ניט פארטיקע.
ניט גרינג איז צוהאָדעווען
א וועלט מיט מילכן ווארעמע...
מעלקערנס פארהאָר'וועטע
פון פרי ביז שפּעט פארמאטערטע.
שטײ איך צווישן מעלקערנס
אף דער פערמע דער פארנאכטיקער,
און עס דוכט מיר, מײַנע עלטערן
מיט פענעמער פארדײַגעטע
פון פאשע-פעלד זײ טרײַבן דאָרט
אונדזער קו די ראבעווע,
א מידע, א פארסאָפּעטע,
קוים פון טשערעדע געראטעוועט,
נאָר דער האָרן א צעבראָכענער
און דער אײַטער א צעלײדיקטער,
מיט אויגן שטארק דערשראָקענע
אין אומעטקײַט פארלאָפענע,
געהויקערטע, דערשלאָגענע,
צעמײמעסטע, צעשטאָכענע
פון מערדערס אָנגעלאָפענע,
פון דײַטשעלעך באוואָפנטע...
ליגן מײַנע טײַערע
דערמאָרדעטע, געשאָכטענע,
מיט אויגן עטוואָס אָפענע,

מיט ווינטעלעך פארשאָטענע,
פארזונקענע, דערטרונקענע
אין מילך-טײַכן בלוטיקע
אף פאשע-פעלדער בלײַקע,
ניט פליישיקע, ניט מילכיקע...
דערשלאָגענע, באליידיקטע
פון וואָרצעלעך צעבלוטיקטע,
עס גייען ניט קיין מילעכן,
עס רינען ווײַסע ווײַטיקער.
אוי, מעלקערנס פארהאָר'וועטע,
מעלקערנס איר גליקלעכע,
כ'האָב פינע-מילכן ווארעמע
ניט איין מאָל דאָך געטרונקען
פון מעלק-שעפל דעם הילצערנעם
נאָך קינדווײַז — בא מײַן מאמען.
נאָר ניטאָ שוין יענע שפּײַזערן,
אויך די קו די איין-און-איינציקע,
ס'איז א האָרן בלויז פארבליבן
מיט א צעבריק א באליידיקטן...
מעלקערנס, איר טײַערע,
אוי, מעלקערנס פארהאָר'וועטע,
מײַן דערמאָנונג כ'וויל דערווײַטערן
ס'זאָל מײַן הארץ אזוי ניט ווייטעקן.
כ'וויל מיט פריידן זיך פארייניקן,
פון אײַער מי כ'וויל זיך באגײַסטערן,
מעלקערנס, איר טײַערע,
מעלקערנס קאָלווירטישע,
מיר דוכט, אז מײַנע עלטערן
לעבן נאָך און מיִען זיך
מיט אײַך אָט דאָ אין יישעוו,
איז קומט מיט מיר צו לאָנקעלעך,
צו פאשע-פעלדער ברייטע,
צו בלאָנדזשענדיקע וואָלקנדלעך,

וואָס שווימען, ווי צעדרייטע,
איבער הימלען אינעם יישעוו
אין א מילכעדיקן קישעף
א פארנעפלטן, צעשפרייטן,
א פארוואקסענער מיט גראָזן,
א צעבליִעטער אָן קווייטן...
איז גייט זשע מיך באגלייטן,
ווייל ס׳איז שווער מיט אייַך זיך שיידן,
מעלקערנס, פארהאַר׳וועטע,
מעלקערנס, איר טייַערע,
מייַן הארץ האָט איר דערוואַרעמט מיר
מיט מילכעדיקע פייַערן.
זע איך אַלץ דאָס מעלקשעפל
דאָס הילצערנע, דאָס וואַרעמע,
די פינע-מילך, ווי סמעטענע,
די שווערע, די פארהאַר׳וועטע,
ווי אמאָל נאָך אין מייַן שטעטעלע,
פירן מיך די מעלקערנס
מיט פרייַנטשאפט א פארבעטענער,
עפשער פאָרט וועל איך באגעגענען
אף די פעלדער מייַנע עלטערן...
מעלקערנס פארהאַר׳וועטע,
מעלקערנס קאָלווירטישע,
ס׳איז מיר שווער זיך צו געזעגענען
מיט אייַך אצינד אין יישעוו.
איז זאָל וואָס שטארקער רעגענען
מייַן מילכעדיקער קישעף...
מיט פרייַנטשאפט א פארבעטענער
צווישן הערצער שטילע, וואַרעמע,
איך זע, ווי ס׳גייט מיך האָדעווען
מיט פינע-מילך אין מעלקשעפל
מייַן אומגעבראַכטע מאמע.

גערעטעניש

בא צונויפגעלייגטע סנאפעס אינעם ראכוועסדיקן פעלד
זאמלען זיך צונויף די פריידן פון מיין זומערדיקער שעפע,
און די רייפקייט אף די פעלדער זי צעזינגט זיך און צעהעלט,
ווי דער אופגעוואכטער גלויבן, וואס דערנערט אין אונדז די קרעפטן.
אט-א גייען זיי די שניטערס אינעם פעלד ארייַן פארפרי,
און די מונטערע געזאנגען אף די ראכוועסן זיך וועבן,
אף דער מליענדיקער בלויקייט פונעם הימל, וואס צעבליט,
וואלט איך וועלן איצט פארשרייבן אונדזער יונגקייט, אונדזער לעבן.

* * *

ניין, ניט קיין בענקשאפט די אויגן פארבלענדט,
מיין הארץ האט דערפילט היינט דעם שוווּנג פונעם שניט,
און פונקט ווי די ערד ציט אוועק זיך אומענדלעך,
אזוי זאל זיך שפרייטן די פרייד אין מיין ליד.
ס'איז האיאר די רייפקייט פון זאנגען נאך שענער,
די זאטקייט האט ברייט אירע פליגלען צעשפרייט.
מיר קלייבן, ווי פערל, די וואגיקע קערנער,
וואס מיר האבן אלע מיט ליבשאפט פארזייט.
לעם גאלדענע סקירדעס פארטאן איז איצט יעדער,
פון טוועס מיר טרייבן דעם טרוקענעם שטויב,
א דורכזיכטיק רויכל פארשווינדט צווישן רעדער
פון טראקטאר, וואס פירן דאס פארהאר'וועטע ברויט
אין מעכטיקע שפייכלערס, אין ווייסע אמבארן.
מיר זאמלען די אויצרעס פון זאטקייט אין קאנט,
און ווילסטו פארהיטן דאס פאלק פון געפארן,
איז זאמל צונויף מערער ברויט פארן לאנד.

* * *

באַם דניעפּער דעם טייַך כ'האָב באַגעגנט באַקאַנטע
און פרייַנט, וואָס איך האָב ניט געזען שוין לאַנג.
כאַווײרים, וואָס האָבן פאַר פיר יאָר צעפלאַמטע
געטראָגן דורך שלאַכטן דעם העלן פאַרלאַנג,
מיר זאָלן זיך טרעפן אַף היימישע וועגן
דורך שווערע ניסיוינעס דערטראָגן דעם זיג,
כ'האָב צענדליקער פרייַנט אַף די וועגן באַגעגנט
מיט הערצער צעבליטע פון פרייד און פון גליק.
זיי זייַנען פון וואָלגע ביז עלבע דערגאַנגען
און אומגעקערט האָט מען אַהיים זיך צוריק.
מיט העלע געזיכטער, מיט ברוסטן פאַרברוינטע
זיי גייען אַצינדערט פון פעלדער אַהיים,
און צווישן די וועלדער אַ זון־ראָד אַ רויטע
זי האָט ניט געוואָלט פונעם הימל פאַרגיין.
געבלענדט האָט איר רויטקייַט, געשפּילט זיך מיט
שטראָמען,
וואָס האָבן דורך פעלדזן געטראָגן זיך ווייַט,
איך גלויב, אַז די דוירעס זיי וועלן דערמאָנען
די יונגקייַט, די פרייַהייַט, וואָס לעבט אין מייַן צייַט.

* * *

איך בין ניט קיין וואָלקן,
דעם ווינט זאָל איך פאָלגן
און טרייבן ער זאָל מיך,
וווהין נאָר ער וויל.
כ'וועל קיינמאָל די ווינטן ניט פאָלגן,
כ'וועל קיינמאָל ניט זײַן אָט דער וואָלקן,
וואָס טרייבן מע זאָל מיך
באַפּוילעריש שטיל,
וווהין נאָר מע וויל.
אויב זײַן שוין א וואָלקן
און דעם ווינט זאָל איך פאָלגן,
איז וועל איך זיך אָפּשטעלן שטענדיק
אָט דאָרט אינעם הימל באַם ראַנד,
אז כ'זאָל ניט פארשטעלן די זוניקע בלענדן,
וואָס דאָרטן באַשײַנען מײַן פאָלק און מײַן לאַנד.

* * *

איך דארף ניט צעברעכן דײַן הילצערנעם פארקן,
וואָס אוועקגעשטעלט האָסטו צווישן מיר מיט דער וועלט,
ס'וועט לאַנג דײַן מעכיצע אף דר'ערד זיך ניט האַלטן,
ווײַל ווי נאָר דער ווינט טוט א הוידע דײַן פארקן,
אזוי פאַלט ארויס א שטאַכעט נאָך שטאַכעט.

גיפּט און האָניק

צו בינשטאָקן געקומען כ'בין אין פעלד
צו סטעזשקעלער, וואָס האָבן ניט קיין נעמען,
דאָ האָט מײַן זיידע די פּאַסעקע געשטעלט,

פארפלאנצט האָט ער א זיסקײַט פאר דער וועלט.
בין איך געקומען נעמען האָניק אין די עמער.
דער האָניק האָט מיט ביטערקײַט געטריפט,
פון זיסקײַט זײַנען קלעפּעדיק די פינגער,
נאָר פּלוצעם האָט א בייזע בין מיט גיפט
צעביסן מיר דאָס פּאָנעם, און מיט געפילדער
איז זי זשומענדיק אנטלאָפן אָף צוריק
צו די בינען, וואָס געכאָוועט כ׳האָב ווי קינדער.
שטיי איך מיט א צאָרן אין מײַן בליק
צווישן פאסעקעס מיט האָניק, ווי א בלינדער.
ליב האָב איך די זיסקײַט פונעם סטעלניק
בלויז פון בינען, וואָס לאָזן ניט קיין גיפט.
צו זייער בינשטאָק וועל איך קומען דאָרטן שטענדיק
צונויפנעמען דעם האָניק, ווען ער טריפט,
ווײַל מײַן הארץ איז בלויז מיט זיסקײַטן באהעפטיקט
און מיט בינען, וואָס לאָזן ניט קיין גיפט.

* * *

אך, וואָלט איך וועלן
פארוואנדלט צו ווערן
אין א קלייניקן בלויען קאָנווערט,
קומען רויק צו גיין, עס זאָל קיינער ניט הערן,
פארטאָג, ווען עס שלאָפט נאָך די ערד;
און ברענגען מײַן ליבשאפט צו טראָגן
פארפאקעוועט שטיל אין א בלויען קאָנווערט.
צו דיר, מײַן געליבטע, וואָס איז מיר באשערט.
יאָ, יאָ, א קאָנווערט וואָלט איך וועלן איצט ווערן
און ברענגען צו טראָגן פאר הערצער דאָס גליק,
פאר מענטשן וואָס בענקען און ווילן דערלאַנגען
בלויז גוטע יעדיעס פון עמעסן זיג.
פאר הערצער, וואָס קאָנען אנשלאָפן ניט ווערן,

ביז ס׳וועט ניט פאַרגיין די געפאַר פונעם קריג.
פאַר זיי אַ קאַנווערט וואָלט איך וועלן איצט ווערן
און טראָגן בלויז וויכטיקע נײַעס פאַר זיי,
צעטראָגן כאַדאָשעס, נעכאָמעס, יעשועס
און אָנזאָגן בסורעס יעדן איינעם אליין.
אַך, וואָלט איך וועלן פאַרוואַנדלט צו ווערן
אין אַ קליינינקן בלויען קאָנווערט
און טראָגן יעדיעס געטרײַ אַף דער ערד.

* * *

צי האָסטו געזען אַזאַ יאַם-ברעג,
צי האָסטו געזען אַזאַ יאַם-פעלדז,
וואָס זאָלן ניט פילן די קלעפּ
פון שווערע פון כוואַליקע שטויסן?
ווען ס׳בויטעט דער יאַם זיך
און קאָן זיך ניט שטילן
אינעם גרויזאַמען האַרבסטיקן דרויסן.
איז וואָס זשע דערשרעקסטו, מײַן פרײַנט, זיך,
ווען ס׳האָגלט, ווען ס׳שטורעמט דער דרויסן.
אויב דו וועסט אַ ברעג זײַן,
וועל איך זײַן דער פעלדז,
און ביידע צוזאַמען וועט גרינגער זײַן טראָגן
פון לעבן די כוואַליקע שטויסן,
איז גיי ניט אַוועק, ווען עס שטורעמט
און ס׳וויכערט אין דרויסן.

* * *

פונעם בוים אַן אָראָפּגעפאַלענע בלאַט,
וואָס דער ווינט האָט פאַרטראָגן זי ערגעץ
און פאַרוואָרפן ער האָט זי מיט גוואַלד
ווײַט פון איר וואַלדישן גרענעץ.
וועל איך גיין און זי ברענגען,
זי אומקערן גלײַך,
אויף דעם זעלביקן בוים איך וועל זי אופהענגען ווידער,
ווײַל שווער איז דער בלאַט,
וואָס פאַרבלײַבט אָן א צווײַג,
און ס'וואַרפן זי ווינטן צו הויכקײַט און נידער,
פאַרלירט זיך א בלאַט פון איר צווײַגיקער היים.
איז לאָז זי אינערגעץ אויף הפקר ניט איבער,
דו ברענג זי צוריק צו איר וואַלדישער היים
און אויף דעם זעלביקן בוים באַהעפטיק זי ווידער.

* * *

צווישן טויזנט הערצער, כ'וועל דײַן האַרץ געפינען,
צווישן מילדסטע בליקן, כ'וועל דײַן בליק דערזען,
דו ביסט די ליכטיקײַט פון מײַן באַגינען,
וואָס האָט מיט ליבע זיך באַם האָריזאָנט צעברענט,
און אויף דעם הימל פון מײַן יוגנט
האָסטו דעם מילכוועג מיר באַהעלט,
כ'האָב אַלע וואַלקנדלעך פון זיך צעטריבן,
מיט זייער אָנגעיאָגטער קעלט,
בלויז דו אין האַרץ מײַנס ביסט פאַרבליבן,
ווי א שטילער אופגאַנג פאַר דער וועלט.

* * *

די דאָזיקע פרוי האָט מיך ניט געאַכטעט באַם לעבן,
מיט איר פלעג איך שטענדיק זיך אמפערן,
אָפט זיַין צעשטוכעט און אפילע צעקריגט,
אויסמיַידן פלעג זי מיַין נאָענט, מיַין נעבן,
באַגעגענען זעלטן זי פלעג זיך מיט מיר.
נאָר ווען ס׳נעמען צונויף זיך די שכיינים
איר יאָרציַיט צו פראַווען,
צינדט אָנעט דער טרויער אין מיַין האַרצן די ליכט,
און כאָטש איך פאַרצוים אים מיַין וויטעק דעם שווערן,
ס׳זאָל קיינער ניט זען, אַז עס אַרט מיך אַזוי,
דאַך דוכט זיך מיר אויס, אַז די אַרומיקע הערן,
ווי איך בענק נאָך אָט יענער פאַרשטאָרבענער פרוי.

* * *

גיב א קוק, ווי פריילעך וועסלעוועט א באָכערטע איר שיפל,
מיט אַלע קרעפטן טריַיבט זי עס פאָרויס,
כאָטש איַינגעשפאַרטע כוואַליעס בויטען אַלץ די טיַיך-טיפן,
און פון איר אָנגעהיצטן שטערן
ווי די טויען טראָפּנס טריפן,
נאָר דאָס הוידענדיקע שיפל
טריַיבט זי אַלץ פאָרויס, פאָרויס.
און איך?
איך קאָן ניט אָפּווענדן מיַינע צוגעשמידטע בליקן
פון איר קאַשטאַנען-ברוינעם ליַיב,
פון איר שווערבנדיקן שמייכל, וואָס באַוויַיזט זיך אויף די ליפּן,
פון אירע אָנגעשטרענגטע אויגן צו דער וויַיט,
און ווי ליַיכט אַזוי
דאָס שיפל איבער טיַיך-שטראָמען זי טריַיבט.

נאָר זי הערט ניט און זי ווייסט ניט
און וויל פון דעם ניט וויסן,
ווי נאָך איר יאָגנדיקן שיפל
שווימט אָן וועסלעס דאָרט מײַן בענקשאַפט,
און שעפּטשענדיק זי שרײַט:
— אײַל זיך ניט, מײַן טײַערע,
א ביסל יונגקײַט פון דײַן יוגנט מיר אנטלײַ.
מיט אַלע מײַנע קויכעס איך יאָג זיך נאָך איר שיפל,
און עס דוכט מיר, אז מײַן יוגנט זיצט אויף לעם איר דערבײַ.
און אין האַרצן וועבט א ליד זיך פון א ליבע אפּדאָסנײַ.

שיידונג

אָט זיץ איך אליין איצט אין גאָרטן,
און קוק, ווי עס וועלקט יעדער בלאט.
צי זעסטו דאָס זעלבע אויף דאָרטן,
צי ביסטו פון בענקען אויך זאט?
ווײַל שטילע און שווערע געדאנקען
מיך פירן צו ווײַטקײַט אוועק,
מיר דוכט, אז איך הער די געזאנגען
פון ווײַטע פארלאָשענע טעג.
און ס'ווילט זיך מיר זען פונדערווײַטנס,
וואָס טוסטו אליין אינדערשטיל,
איך גלויב ניט, אז דו זאָלסט פארראטן
מײַן טרײַען און צאַרטן געפיל.
איז פארוואָס, ווען מיר לעבן צוזאמען,
ווילט זיך אָפט מיר פארבלײַבן אליין?
צעשיידט אונדז די ברייטקײַט פון יאמען,
באגלייט מיך די בענקשאפט אהיים,
איז פארוואָס ווילט זיך אָפט מיר פארבלײַבן
אליין אין מײַן אייגענעם הויז,

זײַן אײנזאם, װי אַן עפּל אױף צװײַגן,
װען דער זומער אין גאָרטן גײט אױס?
װײַזט אױס, אַז ס'איז ליבשאַפט פֿאַראַנען
אין אונדזער געמײנזאמען שטרײַט,
און זײַן כ'װיל מיט דיר נאָר צוזאמען
און קײנמאָל ניט זײַן פֿון דיר װײַט.

כ'װאָלט אַלע טײַכן פֿאַרײניקט

אַלע טײַכן כ'װאָלט פֿאַרײניקט,
פֿון אַלע יאַמען כ'װאָלט געמאַכט אײן יאַם,
כ'װאָלט פֿאַרקלענערט דעם מעהאַלעך פֿון צעשײדונג,
פֿון ראַכװעסן פֿאַרשמעלערט די צעשפּרײטונג,
װאָלט ביסלעכװײַז פֿאַרלאָשן זיך די בענקשאַפֿט,
װאָס צעפֿלאַקערט אָפֿט אין האַרצן מיט אַ פֿלאַם.
איז װער האָט עס מיט װאַסערן באַװאַסערט די יאַבאָשע?
כאָטש ליב האָב איך די טײַכן, די יאַמען, אָקעאַנען,
נאָר צופֿוס גײן איבער װעגן איז מיר לײַכט אַזױ און פּאָשעט, —
כ'בין אַ פֿוסגײער געבױרן, שרעקט מיך קײנמאָל ניט קײן װײַטקײַט,
ניט קײן שטױבן אױף די אױגן,
ניט מײַן קלײד, װאָס װערט פֿאַרפּראָשעט.
איז װאָס זשע טוט מען מיט די טײַכן, מיט די יאַמען, אָקעאַנען?
עפּשער לאָזן אָן אַ שיף זיך מיט די כװאַליעס גאָר צוזאַמען?
ס'איז מײַן האַרץ אַ פֿעסטער מאַסטבױם,
װאָס פֿאַרנײגט זיך ניט פֿאַר שטורעמס,
כ'קאָן צופֿוס גײן איבער יאַמען, איבער טײַכן, אָקעאַנען,
און װי אַ פֿוסגײער אױף כװאַליעס צו די ברעגן דײַנע קומען,
װײַל מיט איר, מיט מײַן געגאַרטער, װיל איך שטענדיק זײַן צוזאַמען.

* * *

מיט שמייכלען וואַרעמע, לעם א קרומען פעלדזן-שטיין
האָט א קילער יאַם-ווינט אונדז באַם ברעג באַגעגנט,
נאָר פלוצעם האָט דער הימל זיך צעדונערט און צערעגנט
און מיט פייַערדיקע בליצן געטריבן אונדז אַהיים.
וואָס זשע טוט מען מיט דעם מאַבל, וואָס הערט ניט אויף צו גיין?
האָב איך גענומען אף די הענט זי
און געבראַכט זי צווישן פעלדזן,
איינס צום צווייטן צוגעטוליעט, ווי די שעפּסעלעך אין פעלד,
אײַנגעדעקט איך האָב זי מיט מייַן ליבע, ווי מיט ברעזענטן,
אַז איר האַרץ זאָל ניט דערפילן אָט די מאַבלדיקע קעלט.
מיר זייַנען צווישן פעלדזן א גאַנצע נאַכט געזעסן,
און ס'איז אונדזביידן גוט געווען,
ווי ס'קאָן נאָר גוט זייַן אף דער וועלט.

א געלעכטער

מע זאָגט, אין אָוונט זייַנען אַלע מיעסע שיין,
(אַלע קעץ אין אָוונט זעען אויסעט גרוי).
בין איך אַנומלטן אַרומגעגאַן אינעם סקווער אַליין,
געווען איז פינצטערלעך אין סקווער, ווערט מען ניט זען אַזוי
די קנייטשן מייַנע, און ווי דער קאָפּ איז גרוי.
האָב איך זיך צוגעזעצט צו א יונגער פרוי.
די פרוי האָט זייער העפלעך מיר געמאַכט אַן אָרט,
כאָטש אומזיסט האָט זי זיך אָפּגערוקט פון מיר
(ווייַל אף דער באַנק איז קיינער ניט געווען).
און איך האָב אַלץ געדרייט זיך, געכאַפּט א קוק אף איר.
כ'האָב געוואָלט פאַרפירן א געשפּרעך,
געזוכט כ'האָב אין דער פינצטערניש א סטעזשקעלע צו איר.
פלוצעם זע איך, ווי די פרוי האָט זיך צעלאַכט
מיט אַזאַ אייַנגענעמען הילכיקן געלעכטער.

זיץ איך אף דער באנק מיר און איך טראכט,
כ'האָב דאָך אויך אמאָל אזוי געלאכט
מיט אזא קלינגעוודיקן, מונטערן געלעכטער.
לאָזט זיך אויס, אז זי האָט אף עמעצן געוואַרט.
און כאָטש ס'איז פינצטערלעך געווען אינעם פּארק,
דאָך האָב איך דערזען, אז ס'איז ניט אירער א באַקאַנטער.
ווײַזט אויס דערפאַר האָט זי געלאַכט,
ווען זי דערזען האָט אין דער פינצטערניש פאַרנאַכט,
ווי ווײַט בין איך אוועק שוין פון איר עלטער.
קלינגט מיר אין די אויערן ביז איצט נאָך
איר מילדער מיידלשער געלעכטער.

פאַראַן אזא ליכטיקײַט...

פאַראַן אין מײַן האַרצן א ליכטיקײַט
אזא מין,
וואָס פירט מיך ווי א פײַער-זײַל
און באַווײַזט מיר אלע וועגן,
די וועגן, וואָס ווערן מיט טונקלעניש פאַרשטעלט
ערגעץ אף די טײַכן, צי ערגעץ אף די יאַמען,
אָדער וועגן, וועלכע שטייען מיט שלאַגבאַומען אנטקעגן
און לאָזן ניט אדורכגיין,
ווײַל דער דורכגאַנג איז פאַרווערט,
ווען ניט מײַן ליכטיקײַט, וואָס פירט מיך אינעם לעבן,
וואָלט איך געבלאָנדזשעט שטענדיק אף דער ערד.

* * *

וואָס קומט מיר ארויס פונעם גאָלדענעם בעכער,
אז ניט מיט וויַין איז ער פול, נאָר מיט דאָרשט און באגער,
איז אוואדע דאָך גלייַכער און טויזנט מאָל בעסער,
אז ניט פון גאָלד זאָל ער זיַין, נאָר פון האָלץ אָט דער בעכער,
אבי ער זאָל פול זיַין מיט וויַינען וואָס מער.

* * *

איך בין ניט קיין שירמע,
וואָס זאָל דיך פארשטעלן
פון עמעצנס אויגן,
און אלץ, וואָס דו ווילסט,
זאָלסט טאָן דאָרט געהיים,
אויב דיר איז געפעלן
אונטער א שירמע צו לעבן
און אז קיינער זאָל מער דיך ניט זען,
איז גיי, ווער א קוקלע בא סערגיי אָבראזצאָוון.
בא אים אין די הענט א מענטש וועסטו ווערן,
פון אונטער זיַין שירמע, וועט אן אוילעם דיך הערן...

וואָס שלאָגסטו?

וואָס שלאָגסטו דאָס פערד אזוי שטארק?
גיב א קוק ווי זיַין לייַב איז מיט בייַטשן פארלאָפן,
וויַיזט אויס ס'איז אים שווער זיך דערשלעפן צום בארג,
וויַיל דער וואָגן מיט פראכט איז איבערגעלאָדן.
גייען אויס אים די קויכעס צו שלעפן דעם וואָגן.

און דו שטייסט מיט דײַן בײַטש און דו פּאַטשסט אין זײַן לײַב,
דערנאָך מיט דער פּושינע נעמסטו אים שלאָגן,
א פאַרלאָפּענע ווונד אָף זײַן רוקן פאַרבלײַבט.
נאָר ס׳רירט זיך פון אָרט ניט דאָס פערד, ניט דער וואָגן.
ניט שטענדיק קאָן אָנגיין פון בײַטשל דער טרײַב,
שטעל אונטער די פּלייצע, העלף די שווערקײַט טראָגן.

ס׳איז ניט מעגלעך

ס׳איז ניט מעגלעך, זאָלסט דײַן ליבע ראַטעווען,
וואָס ליגט פאַרזונקען ווי א שיפל אפן דנאָ,
נאָך וואָס זשע דאַרפסטו נאָכגיין אַלץ און טשאַטעווען,
מיך זוכן אומעטום, אויך דאָרט, ווו כ׳בין ניטאָ.
די דוכטעניש פאַרבלענדט דיך און צעפּאַטערט דיר דײַן רו,
איז זאָל וואָס גיכער אויסגיין דער כשאַד, וואָס לאָזט ניט לעבן
ניט מיך, ניט דיך, ניט קיינעם שוין פון אונדז,
כ׳קום נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל דיר מעלדן,
אז דער, וואָס גלייבט ניט יענעם
און טראַכט בלויז ער איז ערלעך,
וועט קיינמאָל אין זײַן לעבן ניט געניסן פון קיין גוטס...

ניטאָ אזא פײַער

איך גלייב ניט, איך גלייב ניט,
אז דאָס, וואָס ס׳איז ליב מיר און טײַער,
זאָל ווערן פאַרניכטעט דורך עפּעס א פײַער,
און איך זאָל קיין זייכער ניט קענען געפינען
פון זייער פאַרברענטן געביין.
איך האָב שוין ניט איין מאָל אָף מײַנע רוּינען

אופגעשטעלט ווידער אַן אייגענע היים.
ניטאָ אױף דער וועלט אַזאַ מעכטיקער פֿײַער,
וואָס זאָל קענען פֿאַרברענען מײַן פֿאָלק און מײַן היים.

דראָטן

דראָטן, דראָטן,
שטעכלדיקע דראָטן,
ווי שומרים זיי באַוואַכן
אַלע וועגן אױף דער גרענעץ,
וואָס שלענגלען זיך דאָרט ערגעץ
מיט אָנגעשטרענגטער שטילקייט,
מיט סוידעס אײַנגעהילטע
אױף אומבאַמערקטע שליאַכן.
שטייען דראָטן, ווי באַשיצער,
און פֿאַרהיטן, און באַוואַכן
אַלע פֿעלדער, אַלע גיטער
פֿון סאַקאַנעס און געוויטערס.
דראָטן, דראָטן,
שוואַרצע דראָטן,
אָנגעצויגענע, ווי סטרונעס,
צוגעבונדענע צו סלופּעס,
ציִען ווײַט זיך איבער שטרעקעס
און זיי הודען אין די סטעפּעס,
טראָגן בסורעס פֿאַר די מענטשן,
טראָגן ליכטיקע פֿאַרלאַנגען,
אָט די דראָטן וועל איך בענטשן,
פֿאַר גוטע בסורעס זיי באַדאַנקען.
דראָטן, דראָטן,
דוכט זיך, איינס אין צווייטן געראָטן,
נאָר ווי שרעקלעך זעען אויס עט
יענע שאָטנדיקע דראָטן

מיט זייער צוימענדיקער וואך.
ווען פון בענקשאפט הערצער גויסען
אין זיי ציען זיך צום דרויסן,
זיי ווילן מער ניט זיין פארשפארט,
זיין פון לעבן אפגעגרייזערט,
היטן דראטן, ווי צעבייזערט,
אט די מענטשן טאג און נאכט,
לאזן קיינעם ניט ארויסעט,
דוכט מיר אויסעט,
דוכט מיר אויסעט,
אז ווידער זע איך מערדער-דראטן ארום געטאס.
אין די אויגן ווערט מיר פינצטער,
אפן הארצן ווערט מיר שרעקלער,
עפשער וויינען ווידער קינדער,
עפשער קעפט מען מיינע שוועסטער,
לאז איך גיין זיך דורך די דראטן
מיט א לייב א דורכגעשטאכנס,
אין כ׳צעוואלגער און צעבויג זיי
יענע דראטן, יענע שווארצע,
וועלכע טרוימען צו באוואכן
יענע גערעכטיקייט די גרויסע,
וואס ליגט פארוואָרצלט אין מיין הארצן.

שנייד מיין לייב

שנייד מיין לייב, נאר זאל קיין בלוט ניט רינען,
און אויב ס׳וועט רינען, איז פארהאלט עס גלייך,
איך דארף אין לעבן נאך א סאך געווינען,
ווי ס׳געווינט אין פרילינג א צעלאזטער טייך,
ווען מיט שטראמען ווארעמע ער ווערט באריינכערט,

פון טיפע וואַסערן זײַן ברעג פֿאַרשווינדט,
ער טראָגט די פֿריידן פֿאַר דער וועלט אַצינד,
זײַן געווינס צעטיילט ער פֿאַר די ברעגן גלײַך,
כ'וואָלט געוואָלט אויך ווערן אַזאַ פֿרילינג־טײַך.

אַף אָפּרו אין וואַלד

איך ליג אין וואַלד פֿאַרמאַטערט פֿון די וועגן,
פֿאַרשטויבט בין איך פֿון וואַנדערן און גיין,
אונטער שאָטנס זײַנע קלײַב איך אָן דאָס לעבן
און ווידער גיי איך האָפֿערדיק אַהיים.
כ'וואָלט אויך געוואָלט, אַ מענטש זאָל צו מיר קומען
אונטער שאָטנס מײַנע רוען אין דער שטיל,
אָפּ אַ ווײַלע מיך צו גוטן כאָטש דערמאָנען
מיט אַן עמעסן און פֿרײַנטלעכן געפֿיל.
פֿון מײַן בליִונג זאָל ער קומען אויך געניסן,
פֿון מײַן יונגקײַט, וואָס איז רײַף געוואָרן לאַנג,
אויב עס טרעפֿט אַמאָל, אַז קיינער וויל ניט וויסן
פֿון מײַן שענסטן, פֿון מײַן ערלעכסטן פֿאַרלאַנג,
ווענדע איך צו פֿרײַנט מײַנע די אויגן
און פֿאַרטרוי זיי אַלע סוידעס, מײַן באַגער,
כ'שפּאַר זיך אָנעט אין דער גוורע פֿון מײַן גלויבן,
און גרינגער ווערט מיר לעבן אַף דער ערד.

שאָלעם־אַלייכעם

אַ קלאָרער יוני־אָוונט. די זון אין ווײַט פֿאַרגייט,
מיט אירע קאַלטע פֿלאַמען זי באַלײַכט דעם קאַנט.
וויפֿל מאָל איר קײַלעך איך האָב צום ראַנד באַגלייט,
און יעדער נײַער אופֿגאַנג שטרעקט מיר אויס די האַנט.

פון אזא מין אופגאנג טראָג איך שטיל דעם פלאם,
און אף וועגן קלײַב איך אין די אויגן שײַן,
אין זײַן גרויסן הארצן האָט געברויזט א יאם,
ס'איז פון פאָלק די כאָכמע און פון פאָלק די פײַן.
פון דעם ווײַסן הײַזל מיט דעם פלויט דעם קרומען,
און ווי יעדער שטיבל זעט עס אויסעט קליין,
איז די גרעסטע קלוגשאפט אין זײַן הארץ געקומען
דורך א שמאָלן טירל פון זײַן אלטער היים.
איך באטראכט מיט נײַגער אָט דעם ווּקס פון ביימער
און א ווײַטע זעונג אין מײַן הארצן לעבט,
ווי די צארטע בלומען גייען אוף די טרוימען,
ס'דוכט, אַז אלטן וואָגן טעוויעס פערדל שלעפט.
כוץ דעם מילכיקס פירט ער דאָך א הארץ מיט טרויער,
און א טיפן ווייטעק פון זײַן אלטן דאָרף,
דער אוריאדניק טרײַבט אים מיט א בײַטש א גרויער,
ווי א ווינט א ווילדער, יאָגט אין סטעפ די שאָף.
און אף ווײַטן וואנדערט צו א וועלט א שטומער,
ערגעץ שלעפט זיך טעוויע מיט זײַן קינד און קייט,
און אף אלע וועגן גייט ארום דער זומער,
נאָר דאָס הארץ בא טעוויען אין דער שטילקײַט ווייגט.
אין די גוטע אויגן טוט א שײַן א ציטער,
און ער האלט דאָס בערדל קײַענדיק אין מויל,
און אז טעוויע שרײַט שוין, שמעקט דאָך מיט געוויטער,
ווײַל דער ווײ פון טעוויען איז פון פאָלק דער גרויל.
איך באטראכט מיט נײַגער, ווי די פרוכטן רײַפן.
ניט איין שיינער פרילינג האָט געבליט אין סטעפ,
כאָטש ס'איז אלץ פארשוווּנדן אינעם טהאָם פון צײַטן,
נאָר זײַן גײַסט זײַן גרויסער אין מײַן הארצן לעבט.

* * *

מאיאקאָווסקי האָט דעם וואָלקן אָנגעטאָן אין הויזן,
און איך וועל אים אָנטאָן אין לעדערנע שטיוול,
ווײַל ווער האָט מיט רעגנס פאַרבלאָטיקט דעם דרויסן,
אויב ניט אָט דער וואָלקן, וואָס גייט אין די הויזן
און שוועבט אין א טרוקענעם הימל,
נאָר זאָל ער אראָפּגיין
אויף דער הארבסטיקער ערד אָט דער גרויסער,
וועט ער זיכער באדארפן סאָלדאטישע שטיוול.

דאָס בילד

אויף דער וואנט הענגט א בילד
(איך ווייס ניט דעם קינסטלער, וואָס האָט עס געמאָלט),
נאָר וואָס ווײַטער כ׳טרעט אָפּ פונעם פארבן-געשטאלט,
אלץ מערער אנטפּלעקט זיך די שיינקייט פאר מיר,
אלץ העלער צעפלאקערט זיך יעדער קאָליר.
און איך פיל, און איך הער, ווי ס׳רעדט דער מאָלער צו מיר,
נאָר וויל בלויז שטיקער פארפלעקטע קאָלירן.
דערווײַטער איך ווידער מײַן אויג פון די פארבן,
זע איך א פּראכט, וואָס וועט קיינמאָל ניט שטארבן.

ס׳ליגט די ערד שוין א באפרײַטע...

ס׳ליגט די ערד שוין א באפרײַטע
פון די שנייען די אויסגעשאָטענע,
פרילינג-גרעזעלעך פונווײַטן
ווי די אויסשפירער באווײַזן זיך.
גיי איך אָפּזוכן מײַן וועג
צווישן סטעזשקעלעך פארשאָטענע,

מײַן װעג, װאָס האָט געפֿירט מיך
אָן א קאָמפּאס און אָן װײַזערלעך.

כאָטש געצװיגן האָט ער װײַט זיך
צװישן ליכטיקײַט און פֿינצטערניש,
געשלענגלט און געדרײט זיך,
װי א טײַכעלע א באַרגיקס,

נאָר כ'האָב קײנמאָל ניט געטראָגן
אין האַרץ מײַנעם קײן ציטערניש
און ניט געשאָנעװעט קײן מי
פֿאַר יעדער ליד מײַנער
מײַן דרײסטער, דעם סוינע אַף צעפּיקעניש.

װען געװאָרפֿן האָט דער שעכטער
מײַנע שװעסטער אַף די שײַטערס,
האָב איך יעדער ליד געטראָגן
דורך ניסיוינעס, זי געלײַטערט,

ניט פֿאַרזונקען אין קײן אומעט,
נאָר געגאַנגען בין איך װײַטער,
צװישן שטורעמס און בראַנען
האָט מײַן ליד זיך ניט פֿאַרלאָשן,

זי איז פֿול געװען מיט גלױבן,
מיט זאָרגן און מיט דײַגעס,
איך שװער בא מײַנע לידער,
זאָל מיר אָפּנעמען דאָס לאָשן,

אױב פֿאַלשקײַט אַף דער ערד
װעל איך װען-ניט-איז פֿאַרשװײַגן,
נאָך פֿון קינדװײַז כ'קאָן קײן אװלעס
קײנמאָל ניט פֿאַרלײַדן.

לעם אן אַפּגעקילטן הימל..

לעם אן אַפּגעקילטן הימל
כ׳שאר צונויף דעם אש פונעם פאַרטאָג,
אַן טומלעניש, אַן ראַש,
פולע עמער טראָג איך איצט מיט אש
צו די אופגעוואַכטע פעלדער פון מײַן היים,
איך זאָל די ערד מײַנע באַגיטיקן, באַאַפּטיקן
מיט פריליִנגדיקן אופגאַנג און מיט בליִענדיקן כיין.
איין איך אַליין וועל בלײַבן שטיין אָט דאָ ביז גרויסן טאָג,
ביז אַלע פעלדער וועל איך אָנטרינקען מיט טויען,
און ווי א שוימער אף דער עלטער וועל איך אכטונג געבן,
אז פון אַלץ, וואָס כ׳האָב געזאַמלט,
געקליבן אין די טרוימען,
זאָל גאָרניט ניט געמינערט ווערן,
ס׳זאָל גאָרניט גיין לעיִבעד.
אויב עפּעס-וואָס פאַרליר איך
און ס׳ווערט צעוויִט פון לעבן,
הער איך, ווי די ערד ווערט פון אומעטקײַט פאַרכלינעט,
און אף די וועגן, ווי א קינד, צעווײנט זיך אין זי כליפּעט.

ווי שיין איז מײַן סעדל

גיב א קוק, ווי שיין און ווי פּרעכטיק
צעשפּילט זיך די בליִונג בא מיר אין מײַן סעדל,
אָט שטייען זיך ביימער באַשאָטן מיט עפּל,
און שמאַלץ-באַרן בײַכיק צעוואַקסן זיך מעכטיק,
פײַן, אזוי געראָטן
קוקן אַרויס די פאַרויטלטע פערשקעס,
און צו יעטווידן בוים בא מיר אינעם סעדל
פירן בלויז ליכטיקע, ציכטיקע סטעזשקעס.

גיב א קוק, ווי מע לעבט אזוי שטיל,
פײַן זיך צוזאמען,
איין-און-איינציקע זאָרג עס האָבן די וואָרצלען פאראייניקט —
געבן פרוכטן וואָס מער מיט זאפטן באטאמטע,
און מענטשלעכע הערצער דערקוויקן — ניט ווייניק.
פארשיידענעביימער מיט קאָלערליי פרוכטן,
נאָר יעדן פון זיי איין פארלאנג עס פאראייניקט,
אויב לעבן בישכיינעס, איז לעבן באפרײַנדעט,
אז קיינער זאָל קיינער ניט בלײַבן באליידיקט.
און כ'האָב ניט געהערט, אז איין בוים דעם צווייטן
זאָל ווען-ניט-איז זידלען, פארשאפן אים ווייטעק,
אָדער ס'זאָל עמעצער קומען זיך קלאָגן,
אז די ביימער מיט בארן,
צי די ביימער מיט פערשקעס, אָדער די פלוימען
פארשטעלן די שיינקײַט און זייערע טרוימען,
אָדער איינער דעם צווייטן
פארגינט ניט און טײַטלט אף אים מיט די פינגער,
האלעמײַ איז די בליִונג באם עפל-בוים שענער,
און אז אים לעבט זיך בעסער און אז אים לעבט זיך גרינגער.
אזוינס אין מײַן סעדל איך האָב ניט געהערט נאָך.
פארקערט, זאָגן שטענדיק צו מיר מײַנע פרוכטן:
גיב א קוק, ווי גרויסארטיק זעט אויס יעדער בוים אינעם סעדל,
די שטאמען די ווײַסע מיט קאלך באשמירטע,
בא אלעמען פינקלען, ווי שניי ניט געריבטער.
און אלע פארנאכט דורך שפארונעס פון צווײַגן
קומען שטערן צו גיין און אף נאכטלעג פארבלײַבן.
פיצעלעך שטערן מיט קליינינקן פײַער,
גרעסערע שטערן מיט גרעסערן פײַער,
זיי קומען צוגאסט יעדן אָוונט באזוכן
צו מיר אינעם סעדל די זאפטיקע פרוכטן.
און יעדער באזונדער און אלע צוזאמען
זיי זײַנען מיר הייליק, זיי זײַנען מיר טײַער,
ווי ציטעריק טײַער איז יעטווידעס קינד

בא דער אייגענער מאמען.
פארשיידענעביימער, פארשיידענע שטערן,
פארשיידענע פרוכטן מיט טויזנטער טאמען,
ווער קאָן אזא פרייַנטשאפט, ווער קאָן זי צעשטערן?
ווען אלע צוזאמען איין הארץ זיי געהערן
איין מאמעניו-ערד מיט זאפטן דערנערן.

א וווּנדערלעכע רויז

צי זייַנען ערגעץ נאָך פאראן אזעלכע בלומען,
ווי אָט די ווייַסע וווּנדערלעכע רויז,
וואָס קוקט ארויס פון סעדל, מיט אויגן מיט פארזשמורעטע
אף מיר אליין נאָר בלויז.
קאָן זייַן דערפאר, וואָס איך האָב זי דערצויגן,
געבאָוועט און מיט זאפטיקייַט דערנערט,
קוקט זי שטענדיק מיט פארליבטע אויגן,
ווי נאָר כ'באווייַז זיך לעם מייַן הויז.
ווי נאָר מייַן אָטעם זי דערהערט.
כ'וועל קיינמאָל ניט דערלאָזן, אז מייַן רויז
זאָל שטארבן, וועלקנדיק אף דר'ערד.

* * *

פון א שטאָלצן יאם-ברעג פון א מעכטיקן
אראָפגעוואלגערט האָט זיך א גליבע ערד,
פארבליבן איז די גליבע אינעם אָפגרונט נעכטיקן
און אומקערן צוריק זיך ניט געקענט.
בין איך אראָפגעגאנגען צו דעם אָפגרונט צו דעם שרעקלעכן
צונויפגענומען אלע בראָכשטיקער אליין,

אָט די גליבע אָט די שווערע כ'זאָל פארפעסטיקן
מיט אײַנגעשפּארטע שטיינער און מיט ליים.
אז ווידער זאָל זײַן שטאָלצקײַט די פארלוירענע,
זײַן שיינקײַט, וואָס האָט יעדערן גערירט,
זאָל ווי פריִער אָט דער יאם-ברעג נײַ-געבוירענער
לײַכטן מיט זײַן פּרעכטיקן געזיכט.
כ'האָב ארופגעשלעפּט די גליבע די פארלוירענע
און זי פארפעסטיקט און פארשמירט.

* * *

די פּעדעם פון פרײַנטשאפט, וואָס האָבן אונדז ביידע פארבונדן,
פארהיט זיי, צערײַס ניט, מײַן פרײַנט,
געדענק, אף צעריסענע פּעדעם פארבלײַבן דאָך קנופּן,
און א קנופּ אף א פאָדעם אף אייביק פארבלײַבט.
איז לאָמיר פארהיטן די גאנצקײַט פון פּעדעם
און זאָלן זיי ווערן מיט טרײַהײַט צעצווײַגט.

* * *

ס'האָבן פרילינג-ווינטן זיך צונויפגערעדט,
אז דורך וועגן ניט באטראָטענע
זיי קומען פרי צו גיין,
און דאָרט, ווו ס'איז פארבליבן
אין באהעלטעניש אף דר'ערד נאָך
ערגעץ צווישן טאָלן שטיקער אײַז מיט שניי,
מעלדן זיי מיט גוטן: פארנעמט זיך אָן שום טומל,
פארלאָזט די אלטע ערטער, וואָס פארומערן אונדזער היים,
ווײַל געבראכט מיר האָבן איצטערט א פרילינגדיקן הימל
מיט אויסגעהעפטער בלויקײַט מאָלע כיין.

* * *

קען א שטערן דען אין הימל זיך האלטן אָפּגעזונדערט
און מיט זײַן ליכט זײַן אייגענער זיך טרייסטן,
אויב זייער אכדעס וועט פארשווינדן אינעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט,
וועלן שטערן אינעם הימל זיך וואלגערן ווי מייסים.
און די ערד אַף אירע אקסלען וועט א וויסטעניש צעטרייסלען.
איז האלט זיך איצט ניט קיינער
איינס פון צווייטן אָפּגעזונדערט,
זאָלסט אין איינזאם ניט פארבלײַבן
ווי אן אָפּגעטעמפּטער נאר,
לאָמיר ראטעווען צוזאמען פון די אטאָמדיקע פלאמען
דעם גאנצן ערד-קײַלעך, וואָס שטייט פאר א געפאר.

אָפּט ווערט די ווײַטקײַט...

אָפּט ווערט די ווײַטקײַט מיר נאָענט,
און מײַן נאָענט ווערט זייער מיר ווײַט,
כאָטש מיט שטערן מיט גרויסע געקליידט איז דער אָוונט,
נאָר עפּעס א שטילקײַט קומט אָן און זי וואָרנט,
זאָל דאָס הארץ ניט אוועק אָן א צוים אינדערווײַט,
ס'קאָן פארקערעווען פון וועג און פארגיין אין א זײַט.
אזוי האָט א פרײַנטלעכע שטילקײַט אַף דער ערד מיך געוואָרנט,
די זעלביקע ערד, וואָס האָט מיך פון קינדווײַז באוואָרנט
מיט ווײַטקײַטן ברייטע, וואָס זײַנען מיר נאָענט,
מיט נאָענטקײַט שיינער, וואָס בלענדט און וואָס שײַנט.
גיי איך אצינד מיט מײַן שווײַגנדן אומעט
צו ווײַטקײַטן יענע, וואָס זײַנען מיר נאָענט
און זײַנען דערווײַל נאָך פון מיר אזוי ווײַט.

די שוואַרצע פליג

א שוואַרצע פליג א גראָבע, א געזונטע,
אַן אָנגעפּרעסענע מיט אומריינקייט פון מיסטן,
דרייט זיך איבער מיר און זשומעט אַלץ, און זשומעט,
טוט מיר אַפּצולאָכעס, טוט מיר נאָר אומיסטן,
אבי איך זאָל פון שטילקייט אין מײַן צימער ניט געניסן.
גיב איך זיך א לאָז צו איר מיט אַלע מײַנע קױכעס,
צו דער פליג דער אײַנגעגעסענער, וואָס וואַרפט זיך הין און הער,
צעיאָגט זי זיך מיט טומלעניש, מיט זשומעניש נאָך מער.
טרײַב איך זי און יאָג זי און לאָז זי ניט צורו,
עפּשער ווערן וועט איר נימעס דאָס זשומען אָט אָ-דאָ.
צי עפּשער וועט פון מידקײַט אויסגיין איר די קױכעס,
וועט איר הודעניש אַנטרינען און איר העסלעכקײַט וועט גויסען.
טרײַב איך זי פון פענצטער אָט די פליג, די אָנגעפּרעסענע,
אַז ניט בלײַבן זאָל קיין שפּור פון איר זשומעניש און הודעניש —
די העסלעך אײַנגעגעסענע.

יענע וויכטיקע סטעזשקע

צי דען בין איך שולדיק,
וואָס דו האָסט פאַרזען יענע וויכטיקע סטעזשקע,
וואָס די ערד האָט פאַרגרייט פאַר אונדז ביידן שוין לאַנג.
איצט בלאָנקעסטו אים, נעמסט צונויף האָלעוועשקעס
פון אונדזער פאַרגאַנגענעם טרוים,
וואָס דו האָסט אַליין אים פאַרלאָשן.
ווי דער זונען-באַגין לעשט אויס בא די שטערן זייער בלוילעכע שײַן,
נאָר קומט ביין-האַשמאָשעס צו גיין,
פּיקן ווידער זיך אויסעט אין הימל די שטערן
און אַף נאַכטלעג צו זיך, כ׳לאָז זיי שטיל דורך מײַן פענצטער אַרײַן.
איז קום, און כ׳וועל דיר באַווײַזן אָט יענע פאַרלוירענע סטעזשקע,
וואָס ליגט נאָך דערווײַלע פאַרשנייט און פאַרגליווערט אין אײַז.

זי האָט דאָך אונדזביידן קיין איין מאָל ניט אונטערגעפירט,
ניט פארפירט צו א וועג א פארדרייטן, צו א שטעג א געפעלשטן,
זי האָט דאָך אונדז אָפט מיט ווארעמער פרייַנטשאפט געשפּייַזט,
געטרייַ אונדז באגלייט און נאָך יעטווידן טראָט, ווי א מוטער, געשפּירט,
ווען מיר האָבן ביידע די קינדהייַט און יוגנט
געטרייַ פאר די הענט מיט ליבשאפט געפירט.
איז לאָמיר איצט ביידע צוזאמען
דערווארעמען ווידער דעם ליטערן שפּיגל פון אייַז,
קאָנסט נעמען מיט זיך האַלעוועשקעס,
וואָס האָבן פארלוירן דאָס פייַער,
מייַן הארץ האָט שוין פלאמען פארגרייט
ס'וועט קלעקן פאר שייַטערס א סאך...
דוכט זיך וואָס, א שמאָלינקע סטעזשקע,
נאָר זי איז ביז אומזין מיר טייַער,
ווייַל זי האָט אונדז שטענדיק געבראַכט
צו א ברייטן אומענדלעכן שליאך.

* * *

כוואליעס שפּארן איינס דאָס צווייטע,
פון די מייַלער זעצט א שוים,
צו די יאם-ברעגן די ברייטע
טרייַבן כוואליעס איינס דאָס צווייטע,
אז מע כאפּט דעם אָטעם קוים.
שטיי איך לאנג באם יאם פארוואונדערט
און ס'באפאלט מיך פּלוצעם אזש א מאָדנע שרעק,
אָט ערשט געברויזט האָבן די כוואליעס מונטער,
און איצטער זע איך, ווי זיי גייען אונטער.
פון זייער שטאָלטקייַט בלייַבט א מוטנער פלעק.
צוזאמען שווימט מען און מע שטארבט באזונדער,
ווי נאָר זיי קומען מיט א ראש צום ברעג.

אזוינס קאָן זיך טרעפן

אזוינס קאָן זיך טרעפן אין הארבסט:
מיט פינצטערניש ווערן די וועגן פארגאָסן,
איין בוים דערקענט ניט דעם צווייטן
בא זיך אינעם אייגענעם וואלד.
דריי איך זיך אום, ווי פארבלאָנדזשעט,
צווישן מאָכיקע יעלן און סאָסנעס,
פון שווארצע באַטוייִקטע קוסטן
גרייַפט אָן אזא שרעקלעכע איימע,
און ווי א שאקאל אינעם וואלד לעם יעטווידן בוים מיך באפאלט,
אז אָט ווערט מיר הייס, און אָט ווערט מיר קאלט.
נאָר איך האָב פאר שרעק ניט פארנייגט זיך,
ווייַל איך ווייס יעדן קוסט אינעם היימישן וואלד.
אריבערגעשפאנט כ׳האָב די שאָטנס און פאמעלעך געלאָזט זיך,
אין מיט מיר זאלבענאנד גייט די שנייִיקע ווייַסקייַט פון מייַנע
געעלטערטע האָר,
וואָס האָט מיט א זילבערנער גראָווקייַט דעם קאָפּ מיר פארצויגן,
צינדט זי זיך אָן מיטאמאָל אינעם הארבסטיקן וואלד אזוי קלאָר,
און ווי א קליינע לעוואָנע באשייַנט זי מייַן וועג
און באלייַכט מיר די אויגן,
מייַן זילבערנע גראָווקייַט זי פירט מיך אָן שרעק
אָט אהין, ווו עס נעכטיקט און ווו ס׳טאָגט בא דעם ברעג
נאָך פון יונגווייַז געיארשנט בא דעמבעס געזונטע
מייַן מעכטיקער גלויבן.

ווען שווערע רעגעס קומען

ווען שווערע רעגעס קומען אומגעריכט צו גיין
און רײַסן שטיקער פון מײַן לײַב, ווי צאַפּנדיקע ווײַסע וויכערס,
אַט דאַן וואָלט איך אוועק פון זיך אַליין,
גענומען בלויז דאָס האַרץ מיט זיך,
און אָפּגעזוכט פאַר דעם אַ שטיקעלע מאָקעם מענוכע,
ניט דערפאַר, ווײַל ס'איז דערעסן מיר מײַן היים
און געניסן וויל איך בלויז פון יענעמס סימכע,
ניין, מײַן פרײַנט, ניט דאָס איז פאַר מיר וויכטיק,
איך וויל, זאָלסט איין מאָל כאָטש פאַר אַלע מאָל פאַרשטיין,
ווי אָפּט עס מאַטערט זיך דאָס האַרץ באַם דיכטער,
ווען אויג אויף אויג ער בלײַבט מיט זיך אַליין.
כאָטש ווייסן כ'ווייס פון לאַנג שוין,
אַז איידער ס'הייבט אָן טאָגן און ביז די ערד ווערט ליכטיק,
שווימט אָן אַ פינצטערניש אין דרויסן,
כאָטש נעם די אויגן זיך אַרויס,
זיך אַליין דערקענסטו ניט, עס דוכט די פרייד גייט אויס
און מיט איר מילדקײַט מיט איר וואַרעמער, איך ווער צעשיידט.
נעם איך אַט די רעגעס די פאַרצווייפלטע,
וואָס באַלאַגערן מײַן דיכטונג,
און כ'בינד זיי שטאַרקער צו צו מײַן האַרצן שטילערהייט,
ווי אַ הונט אַ טרײַען, וואָס רײַסט זיך פון דער קייט
און הערט ניט אויף צו בילן, ווען ער דערזעט אַ פרעמדן גייען,
קעדיי דאָס אַלדאָס גוטס זאָל ער פאַרהיטן
און אַז ס'זאָל קיינער ניט אוועקרויבן די פריידן פון מײַן היים.

* * *

שפּיל, האַרמאָשקע, שפּיל,
מיט געזאַנגען ביסטו פיל,
צו געזאַנגען ציט מיך ווידער.

און איך בענק נאָך דײַנע לידער.
דײַן געזאַנג איז מיר געפֿעלן,
קאָן איך שאָענווײַז דיך הערן.
כ'וויל פֿאַרגעסן אין מײַן ערנסט,
כ'וויל א זאַרגלאָז א צעשטערנטס.
די סאַקאָנעס העלף מיר טרײַבן,
בלויז מיט לידער דײַנע בלײַבן.
בלויז מיט זיי מיר ווילט זיך ריידן,
כ'וויל מיט בענקשאַפֿט זיך צעשיידן.
כ'וויל אין גאָרניט זיך דערמאָנען,
שפּיל א טויט-טאַנץ פֿאַר די סאָנים.
שפּיל אים שטאַרקער, שפּיל אים העכער,
ס'איז מײַן האַרץ א טיפֿער בעכער.
פֿריידן גיס אין אים וואָס מערער,
זאָל דער בעכער ווערן שווערער.
אָט דעם שווערן פֿאַרגעניגן
פּילט מײַן האַרץ אין יעדן ניגן.
שפּיל, האַרמאָשקע, שפּיל אָן אויפֿהער,
און פֿאַרטרײַב מײַן שווערן אָוועָר.
איך וויל זײַן נאָר צווישן סימכעס,
ס'איז מײַן טרויער מיר שוין נימעס.
פֿלעכט פֿון קלאַנגען אויס א קרענצל,
זאָל מײַן האַרץ איצט גיין א טענצל.
שפּיל, האַרמאָשקע, שפּיל מיר ווידער,
מיך דערפֿרייען דײַנע לידער.
כ'וויל פֿאַרגעסן אין מײַן ווייטעק,
איז יעדער ליד דײַנע מיר נייטיק.

אין דערוואַרטונג

ערגעץ וואַקסן אױף דער ערד נאָך אַזױפֿיל געראַכטע טײַנעס,
יעדער אײנציקער מיט אומרו קוקט מיט אומגעדולד און וואַרט,
עס זאָל אַ טשוווע גיכער קומען, און פֿאַרגײן זאָלן די דײַגעס,
װעלכע מאַטערן און פּײַניקן אַ יעדער מענטשלעך האַרץ.
צװישן רײַפֿנדיקע טײַנעס,
גערולדיק וואַרט אויך מײַנע
אויף אַ טשוווע, װאָס דאַרף קומען, װי אַן אָנגעלײגטער גאַסט,
נאָר דער ענטפֿער, װי אַ קנאָספּל,
האָט נאָך ניט אױסגעפּיקט זײַן בליִונג,
וואַרטן אָנגעשטרענגט די צװײַגן,
װעלכע װײסן שוין פֿון לאַנג:
אַז פֿריִער, אָדער שפּעטער װעלן קנאָספּן אינעם פֿרילינג
באַקלײדן אַלע בײמער מיט בלעטערדיקער
צירונג,
סײַ בערעזעס, סײַ די יעלן, סײַ די דעמבעס, סײַ די קליאַנען,
װעלכע דינען מיט געטרײַשאַפֿט
און היטן אָפּ מיט ליבשאַפֿט זײער װאַלד.
וואַרטן זײ און װאַרטן, אַז װאָס גיכער זאָלן קומען
גוטע טשוװעס אי מיט מזל, אי מיט בראָכעס,
סײַ פֿאַר מיר און סײַ פֿאַר זײ.
קומט צו גײן אַ גערעכטע טײַנע,
צי זי ז'דײַנע צי זי ז'מײַנע,
ענטפֿער ערלעך אױף איר װײ,
און די פֿאַרצאַרנטקײַט פֿון הערצער
נעם צעוואָרף זי און צעװײ.
זאָלן װײטעקן צערינען און אַנטרינען,
װי אין פֿרילינג װערט צערונען
אַ באַהאַלטן ביסל שנײ.

דו האָסט דאָך ניט איין מאָל...

דו האָסט דאָך ניט איין מאָל געטונקען
אינעם לויטערן טינט פון מײַן טינטער
דײַן טעמפּע צעצווייטע פען,
איך האָב ווי א פרײַנט דיך געבעטן, געוואָרנט —
וואָס טוסטו?
האָסט דאָך יעטווידע שורע אין קליאַקסעס דערטרונקען,
האָסט דאָס זײַטל פּאַפּיר דאָך פאַרפלעקט און פאַרקלעמט,
דערקענסט שוין אליין ניט דײַן אייגענעם קסאַוו
און ווייסט ניט, וואָס האָסטו פאַרקלערט.
די שורעס ווי רייפלעך זעען אויסעט צעקרימט און צעדרייט,
האָסט איין זאַך געטראַכט און א צווייטס האָסט געשריבן,
ווײַזט אויס, אז דײַן האַרץ, ווי דײַן פען, איז צעצווייט,
דערפאַר זײַנען פלעקן און קליאַקסעס פאַרבליבן.
דו נעם דײַן קסאַוויאַד און צערײַס שטילערהייט,
ווּעסטו זען, ווי פון פאַלשקײַט רינט אויסעט דײַן ניגן.

* * *

פאַראַן אזא ווערטל:
א מענטש איז שוואַכער פון א פליג
און שטאַרקער פון אײַזן.
נאָר ווּיפל מאָל האָט דער מענטש מיטן טויט זיך געקריגט,
געטריבן פון זיך, ווי א העסלעכע פליג,
ניט וואַגן ער זאָל אָף זײַן שוועל זיך באַווײַזן.
כאָטש שווער זײַנען וווּנדן פאַרבליבן פון קריג,
נאָר ער האָט דעם טויט אפּן שלאַכטפעלד באַזיגט,
פאַרשלאָסן די וועגן פאַר אים אָף צוריק,
ער זאָל פאַר די אויגן זיך מער ניט באַווײַזן.
אויב שוואַך איז דער מענטש — איז נאָך שוואַכער די פליג,
ווײַל דאָס, וואָס זײַן האַרץ טראָגט איבער אָף זיך,
באַדאַרף מען זײַן שטאַרקער פון שטאָל און פון אײַזן.

א פרילינג־ריטשקעלע

א פרילינג-ריטשקעלע, אַן ערשט געבוירנס
האָט געלאָזט זיך פליסן מיט א צעיאָגטן פלאַם,
נאָר צווישן גרויסע וואסערן האָט ער דעם וועג פארלוירן
און אָנשטאָט צום טײַך פארשווימען,
איז עס אוועק צום יאַם.
א קליינינק ריטשקעלע און עס לעבט אָן מוירע
צווישן כוואַליעס — ליבן אין א ברייטן יאַם.

* * *

אָט דאָס הייסט א ווינט א לײַטישער,
אלע טאפליעס פון מײַן פענצטער,
וואָס אָנהייב הארבסט כ׳האָב ניט באוויזן צו פארקיטעווען,
האָט דער הארבסט-ווינט ניט געטשעפעט,
ניט געהוידעט, ניט געוויכרעוועט,

ער האָט זײַן הוידעניש באַנאכטיקע פון מײַן פענצטערל דערווײַטערט,
ביז דער הימל האָט פארטאָג זיך פון די וואָלקנס אויסגעלײַטערט.
בענטש איך אָט דעם הארבסט-ווינט פאר זײַנע שיינע, פײַנע מידעס
און טראָג זײַן לײַטישקײַט אין הארצן, ווי ציטערדיקע טפילעס.

* * *

א ראכוועסדיק פעלד, נאָר עפּעס איז מיר ענגלעך און דושנע,
קאָן זײַן דערפֿאַר, וואָס דער וואלד האָט דאָרט פארשטעלט
דעם זון-פארגאנג, און כ׳זע ניט יענע וועלט
פֿון אָפּגעקילטע שטראַלן, וואָס גייען אויס
און בלײַבן דאָרט אָן לאַשן,
נאָר עפּעס טוט מיר שטענדיק באנק,
וואָס די שיינקייט פֿונעם אופגאנג און פארגאנג
ווערט אין הימל אויסגעלאָשן.

איך זאמל צונויף

דער הימל איז מיט שטערן אָנגעשטאָפּט,
זוכט יעדערער אין ענגשאפט
פאר זיך אליין אן אָרט.
נאָר ניט יעדן גיט זיך איינעט זײַן ווינקעלע געפינען,
פאלן שטערן אף די וועגן,
פאלן שטערן אף מײַן קאָפּ,
ביז ס׳גייט אופעט דער באגינען.
נעם איך איינציקווײַז צונויף זיי אָט די שטערן
און כ׳לאָז ניט זייער ליכטיקײַט אנטרינען,
אז ווען די פינצטערניש וועט קומען מיר אנטקעגן,
זאָל איך קענען צווישן וועגן
מײַן אויסוועג גלײַך געפינען.

קום אריַין, אומבאקאנטער

קום אריַין, אומבאקאנטער, צו מיר
אין מיַין קליינינקן יישעוו פון דיכטונג,
א ווינקעלע קליַיב זיך דאָרט אויס,
דאָס שענסטע, וואָס דיר בלויז געפעלט,
נאָר שרעק זיך ניט איבער, אויב זען וועסטו בלאנקען פארענדיקטע לידער,
וואָס האָבן זיך נאָרוואָס צעאמפּערט מיט מיר
און קעגן מיַין הארץ זיך אנטקעגן געשטעלט.
איז בליַיב ניט פארצווייפלט, ניט מיין, אז דאָס איז עק וועלט.
דאָס בינטעלע לידער, דו נעם עס צו זיך אין די אייגענע הענט,
טראכט זיך איַין אין יעטווידער שורע באזונדער,
וועסטו ליבשאפט דערפילן ניט בלויז צו דיר,
נאָר אויך צו מיַין גרויסער און ערלעכער וועלט.
קום אָפטער צו גיין אין מיַין ליכטיקן יישעוו פון דיכטונג,
וועסטו פילן, ווי שווער ווייטעקט אויסעט דאָס הארץ א פארענדיקטן פערז,
וואָס מיט בלוטיקער שיַין ווערט באהעלט און באליכטיקט,
אז די ליד זאָל דערגיין צו מיַין פאָלק,
ווי אן ערלעכער ניגן, ווי א פידל-געזאנג.
צי זיַין וועט אזוי, ווי איך וויל,
דאָס ווייס איך אליין ניט, מיַין פריַינט,
נאָר אויב פון הונדערטער לידער פון מיַינע
וועט א בינטעלע לידער כאָטש בליַיבן,
וועל איך ווי א דיכטער דער גליקלעכסטער זיַין.

* * *

עס ניט דאָס הארץ מיַינס און הריזע מיך ווייניקער.
פון קריגן אומזיסטע,
פון אמפּערניש פוסטער
איך האָב ווי פון פיַיער זיך שטענדיק געהיט,

בלויז מיט גרעסטע געפּעכטן בין איך גרייט זיך פאַרייניקן,
און אויב מ׳וועט דאַרפן, וועל איך אָפּגיין מיט בלוט.
מײַן נאָמען אין מאַרמאָר מע דאַרף ניט פאַרייביקן,
פאַרייביקט מיך בעסער מיט מײַנער א יִדישער ליד.

ווי א מאַלבעש פון וועג א פאַרשטויבטן

ווי א מאַלבעש אַן אַלטן, פון וועג א פאַרשטויבטן,
האָב איך אַלע מײַנע דײַגעס אויסגעטאָן פון זיך,
די אַלן מײַנע שווערסטע, סײַ נייטיקע, ניט נייטיקע
כ׳האָב פאַרוואָרפן אין א ווינקל, ווי וואָכעדיקע שיך.
כ׳וויל א ווײַלע זיך פאַרגעסן, זיך דערווײַטערן פון זאָרגן.
ווי א בלימעלע, וואָס דרעמלט אומבאַמערקבאַר בא דעם טײַך,
אָפּגעפרישט פון טויען, כאַפּט עס אויף זיך אין פרימאָרגן
מיט יוגנטלעכע קויכעס, מונטערדיק און לײַכט,
צווישן גראָז הייבט עס אויף זיך מיט בלעטעלעך באַרײַכט.
כ׳וואָלט וועלן זײַן א בלימל לעם א פליסנדיקן טײַך.

ווען קראָען פליִען נידעריק

דו זעסט, מײַן פרײַנט, ווי קראָען פליִען נידעריק
און מיט פליגלען פאַרטשעפּען זיי די ערד,
זיי קומען זיך באַהאַלטן אין אומבאַמערקטע גריבער,
ווען א מאַבל וועט א פלייץ טאָן, שטורעמדיק און וויכערדיק
און פאַרשווענקען מײַנע טוווּס,
וואָס געצערטלט כ׳האָב אין פעלד.
וועלן קראָען דאַן א פלי טאָן צו די קערנער די פאַרזייטע,
און ראַבעווען די זאַטקײַט פון דער וועלט.
איז קום, מײַן פרײַנט, מיט מיר,
צעפּוזשען אָט די נידעריקע קראָען,

זיי זאָלן ניט באַרירן מער מיט פֿליגלען אונדזער ערד,
לאָמיר ביידע גיין באַגעגענען יענע רעגנדיקע שאָען,
ווּאָס באַפּרוכפּערן מיט שטילקייט די פֿלאַנצונגען אין פֿעלד.
כ'האָב ניט איין מאָל שוין צעטריבן
שוואַרצע קראָען אויף די וועגן,
זייַנען רעגנבויגנס שיינע געגאַנגען מיר אַנטקעגן,
און מיט וואַרעמקייט געגאָסן האָט דער רעגן
אויף מייַן שיינער זומערדיקער וועלט.
טרייַב איך אָט די קראָען,
וואָס קומען טאַסקען זאַטקייט פֿון מייַן פֿעלד.

ווען ס'קלינגט מיר אין אויער

ווי נאָר ס'צעקלינגט זיך מיר דער לינקער אויער,
נעם איך גלייַך דאָס טרייַבל און איך הער זיך איין,
הער איך שעפּטשען ליפּן
און אַ מורמלעניש, וואָס דויערט
און הערט ניט אויף צו טייַנען:
נעם פֿאַרטרייַב פֿון זיך דעם טרויער,
ווי גרויס דייַן בענקשאַפֿט זאָל ניט זייַן.
נאָר ניט וואַרף אַוועק דאָס טרייַבל, הער זיך שטילער ווייַטער איין:
גיי פֿאַרבייַ אָט יענעם אָפּגרונט,
יענעם יאַר פֿון שוואַרצן ייִעש,
ניט געשטרויכלט זאָלסטו ווערן און ניט ווערן זאָלסט צעמישט,
טו אָן דייַן לייַב מיט פֿליגל, דו זאָלסט גרייט זייַן דרינגנד פֿליִען,
ווי דאָס האַרץ דייַנס זאָגט דיר אונטער,
וווּהין דו גאַרסט, וווּהין דו ווילסט.
צי ביסטו ערגער פֿון אַ פֿויגל, וועלכער שוועבט אין בלויע פֿריִען,
און ער פֿליט וווּהין ער וויל נאָר, אַוווּ דאָס האַרץ זייַנס גלוסט.
נאָר אויב ס'איז שווער דיר פֿליִען און צום הימל ווילסט דערגרייכן,
איז גיי צופֿוס צו יענע הויכן,

ווי צום בארג-שפּיץ גייט פאַרהאַרעוועט, א געניטער אַלפּיניסט.
ניט שרעק, מײַן פרײַנט, זיך איבער פאַר צעפלאַמטן טרויער,
לעש אויס אין הארצן אַלע ליכט פון פּײַן,
ניט בלײַב פאַרזאָרגט בא א פאַרמאַכטן טויער,
וואָס ניט ארויסגיין קענסטו און ניט ער הייסט דיר זײַן...
ווי נאָר עס קלינגט מיר אינעם לינקן אויער,
נעם איך גלײַך דאָס טרײַבל און איך הער זיך אײַן,
ווי די בענקשאַפט שעפּטשעט און זי זאָגט: ניט טרויער,
מיט טרייסט מיט ווארעמער, זי שטילט מיך אײַן.
אונדזער שיידונג וועט שוין לאַנג ניט דויערן,
ס'וועלן ביידע הערצער גיך צוזאמען זײַן.

ווען כ'זע ניט קיין שטערן

ווען די בלויקײַט פון הימל ווערט הארבסטיק פאַרוואָלקנט,
און כ'זע ניט קיין איינציקן שטערן פאַר זיך,
דוכט מיר אויסעט, ווי שאָטנס מיך נעמען פאַרפאָלגן
און אין פינצטערע נעצן מיך שלעפּן צו זיך.
שטיי איך פאַראַקשנט און ריר זיך פון אָרט ניט
און גיי ניט אהין, וווּ די פינצטערניש וויל.
ווען דער ציכטיקער הימל ווערט פּלוצעם פאַרוואָלקנט
און עפּעס א בענקשאַפט צעשטערט מײַן געפיל,
געפין איך די שטראַלן, וואָס ליגן פאַרבאָרגן
פון זוניק פאַרגאַנגענע טעג,
די דאָזיקע שטראַלן איך ברענג זיי צו טראָגן,
פאַר הערצער, וואָס וואַרטן, ס'זאָל נעמען שוין טאָגן,
אַף ווידער זיך לאָזן צו הויכקײַט פון בערג.



* * *

מע זאָגט, אז קלוג זײַנען דעלפינען,
זיי פילן און פארשטייען, וואָס וויל א מענטשלעך האַרץ,
גיי איך אָפּזוכן אין יאם, עפשער וועל איך אויך געפינען
כאָטש איינעם א דעלפין,
אָפּ זיך אויסריידן מיט אים
און דערציילן וועגן אַלץ,
וואָס איך וויל, און וועגן דעם, וואָס כ׳האָב געגארט,
און אָפּ דעם, וואָס כ׳האָב געוואַרט, זיך ניט דערוואַרט.
כאָטש קיין סוידעס האָב איך ניט פאר קיינעם.
ווי אויך פאר אים,
פאר אָט דעם קלוגן שווײַגנדן דעלפין.
נאָר זײַן מיט אים וואָלט איך געוואָלט אינצווייען,
ווײַל אַלץ, וואָס איך וויל ריידן בלויז מיט אים,
וועט ניט קאָנען דאָך דערציילן, אָט דער שווײַגנדער דעלפין,
אפילו זײַנע יאם-פרײַנט,
די בעסטע זײַנע שכיינים.

ווו טוט מען אהין?

ווו טוט מען אהין די שאָטנס פון לעבן,
וואָס קומען פונווײַטן און שפרייטן זיך נעבן,
און פּלאָנטערן שטענדיק זיך אונטער די פיס,
זיי קומען, ווי נעצן צעשטעלטע
פאר פישפאנג בא ברעגן,
פארכאפּן זיי ווילן די העלקײַט פון לעבן,
ווי די נעץ כאפּט ארײַן א פארבלאָנדזשעטן פיש,
צערײַס איך די נעצן פון שאָטנס, וואָס וועבן
די טונקעלע געוועבן

און שפּרייטן מיט פֿלעקן זיך אויס,
אונטער שאָטנס פֿון ביימער, קלײַב איך ליכט פֿאַרן לעבן
און שאָטנס פֿון לעבן כ׳טרײַב פֿון וועלדער אַרויס.

ספּייקעס

קומט צו גיין אַ מינדסטער סאָפּעק,
שלעפּט ער גלײַך מיט זיך אַ צווייטן,
און אַ צווייטער ווערט באַפרײַנדעט מיט אַ צווייפֿל שוין אַ דריטן,
צעוואַקסן ברייט זיך מײַנע ספּייקעס,
ווי די דערנער צווישן קווייטן
און מײַן זיכערקײַט זיי ווילן בלויז מיט שטעכלקעס פֿאַרשיטן.
טרײַב איך אָט די ספּייקעס, וואָס ווילן מיך פֿאַרהאַלטן
און דערוויײַטערן מײַן גלויבן פֿון ווירקלעכקײַט און עמעס,
אויב כ׳האָב ספּייקעס אין מײַן האַרצן ווען־ניט־איז באַהאַלטן,
איז דערפֿאַר, ווײַל כ׳האָב געצווייפֿלט
אין זײַן אויסגעטראַכטן עמעס,
ווײַל דערפֿילט כ׳האָב אין זײַן צוזאָג, ווי אַ פֿאַלשקײַט ריזלט עפּעס,
אַז ניט אַלץ בא אים אין האַרצן איז, ווי ס׳דאַרף צו זײַן, קעשורע,
נאָר כ׳האָב קיינמאָל ניט געסאָפּעקט אין יענעם אומבאַשטרײַטן עמעס,
וואָס פֿירט מיך ערלעך אויף די וועגן, צו ליכטיקע און קלאָרע.

מיט אירע אויגן

נאָך וואָס באַדאַרף איך אַצינד מײַנע אייגענע אויגן,
וואָס זײַנען געוואָרן מיט פֿעלדעלער — קנייטשן
אַרום און אַרום שוין באַרינגלט,
און אַ דינע פֿאַרנעפּלטע גרויקײַט האָט יעטווידן בליק מיר פֿאַרצויגן,
אַז די ראַכוועס פֿון וועלט זאָל איך זען,
ווי דורך אַ פֿאַרהויקעטן שפּיגל,
פֿרעג איך אַליין זיך, וואָס דאַרף איך אַזעלכע אויגן,

וואָס קאָנען ניט זען די פּרינטלעכע שטערן אויף מיין אייגענעם הימל.
בעטן די אויגן בא מיר זיך,
נעם אראָפּ די פאַרנעפּלטע ברילן
וועט דער טונקעלער אומעט זיין ענגשאַפט דערפילן,
און ער וועט אַוועקגיין פון דיר מיט א קאָפּ א פאַרנייגטן,
מיט אונטערגעהאַקטע, צעפעדערטע פליגל:
אז זען זאָלסטו ווידער באַפרײַנדעטע שטערן
בא זיך אויף דיין היימישן הימל.
פאַרהאַלטן מיך פלוצעם אין וועג
צוויי אויגן, געקרוינטע מיט מילדקייט,
באַצײַנטע מיט שטילקייט, מיט מונטערער דרייסטקייט געלאָדן,
בעט איך בא זיי זיך, דערלויבט מיר א קוק טאָן מיט אייערע אויגן
אויף מײַנע געעלטערטע יאָרן.
קוק איך זיך אײַנעט אין זיי און בלײַב א פאַרשטוינטער,
ווען דערזען כ׳האָב אַרומגיין אין אירע שוואַרצאַפּלען
מיין יוגנט אליין, אזא שטילע, פאַרטרוימטע.
מיט אויגן צעעפנטע ברייטע, ווי ווײַסע פאַרטאָגיקע לאָדן,
און כ׳וואַרט, זי זאָל עפּעס א טרייסט-וואָרט מיר זאָגן,
ווען אין דרויסן גענומען האָט טאָגן.
אין אויגן אין אירע דערזען כ׳האָב מיין יוגנט,
דערזען האָב איך יענעם פאַרטאָגיקן פענצטער
מיט ווײַסע צעעפנטע לאָדן.

גרויסע וואַסערן

גרויסע וואַסערן זײַנען ניט מעסוגל
צו פאַרלעשן מיין ליבע צו דיר,
ניט קיין שנייִיקע רעגנס,
ניט קיין אײַזיקער האָגל

קאָנען דאָס האַרץ מײַנס פֿאַרקאָווען
אין עפּעס א ווײַסן געפּריר.
ניט קיין טײַכן קיין ברייטע,
ניט געוויסערן בייזע
קאָנען פֿאַרשווענקען מײַן ליבע מיט שוים.
וועזוווישער פֿײַער מיט צוגן צעפֿלאַמטע, מיט הייסע
וועלן ניט קאָנען פֿאַרברענען פֿון ליבע מײַן טרוים.
כאָטש שווער איז צו לעבן בלויז מיט אייגענער טרייסטונג,
וואָס האַלט זיך אין האַרצן מיט האָפֿענונג קוים,
נאָר זאָל זי, די בענקשאַפֿט, מיט ציטערניש טרייסלען
די צווײַג פֿון מײַן ליבע, וואָס בליט ווי א בוים...
בלויז איר וועל איך פֿאָלגן, וואָס זי וועט מיר הייסן,
אבי ניט צעברעכן פֿון ליבשאַפֿט מײַן טרוים.

מײַן מיל

די וועלט פֿאַרמאָגט אַזויפֿיל מילן שיינע:
ווינטמילן און דאַמף-מילן
אַף מאָלן קערנדלעך, זויבערדיקע ריינע.
נאָר קיין איינע איז ניט ענלעך אַף מײַן מיל דער אויסגעבויטער,
וואָס ווערט קיינמאָל ניט פֿאַרמעליקט,
שטענדיק זעט זי אויסעט לויטער.
ניט פֿון וואַסערפֿאַלן הויכע אירע מילשטיינער באַוועגן זיך,
ניט מיט אָנגעהיצטע דאַמפֿן אירע מילשטיינער דערנערן זיך.
ניט קיין סטעפּ-ווינט קומט צו פֿליִען
אירע פֿליגלען האַסטיק דרייען
און די מעל-שטויבן די ווײַסע צעטראָגן און צעווייען
איבער פֿעלדער, איבער טײַכן, איבער טאָלן...
מײַן מיל מײַן אויסגעבויטע, צווישן מילן איז זי איינע.
אירע אָנגעשאַרפֿטע זשאָרנעס, קאָנען דרויבלען און צעמאָלן
בלויז קערנדלעך פֿון פֿאַלשקײַט, וואָס די ערד באַדאַרף ניט האָבן,

ווי א מילנער א געטרײַער, יעדן מילשטיין דאָ באַוועג איך
מיט מײַן שימשנדיקער גוורע,
יעדן מילשטיין דאָ דערגנער איך,
מיט מײַן ערלעכקײַט פון הארצן,
אָט די קערנדלעך פון פאלשקײַט
איך צעדרויבל אף פיץ-פיצלעך
און פארניכט זיי אינגאנצן.

* * *

קאָנסט ניט לעבן מיט איר, גיי אוועק,
נאָר לײַטיש, אָן שום סקאנדאלן,
קום ניט צו גיין, ווי א מערדער, מיט שרעק
און מיט זידלעניש נעם זי ניט פלוצעם באפאלן.
מיט כארפע דו האָסט זיך דײַן פארצעף פארפלעקט,
ווײַל דו האָסט איר טרײַשאפט צעבראָכן, צעשטערט.
דו האָסט אין איר הארצן א גלײַכגילט דערוועקט,
איז איר ליבשאפט צו דיר אף שטיקלעך צעפאלן.
אָן ליבע לעשט אויס זיך דאָס לעבן אף דר'ערד,
ווי די זון באם פארגאנג לעשט אויס אירע שטראלן.

* * *

אויב דײַן גלויבן אין מיר האָט געגויסעט,
אזויווי אין לײַכטער א טיקנדע ליכט,
נאָר דו שווײַגסט און זאָגסט מיר ניט אויסעט,
פארוואָס איז דײַן גלויבן אוועק אומגעריכט.
איז ווײַזט אויס, אז דו האָסט ניט מיט וואָס צו דערקלערן

דײַן מעשונעדיק-ווילדן קאַפּריז,
אַ זיכערן גלויבן איז שווער צו צעשטערן —
אַ גלויבן אַ פאַלשער האַלט זיך קוים אויף די פיס.

* * *

קאָנסט דערהאַרגענען אַ מענטשן,
קאָנסט דערמאָרדעווען ניט איינעם, נאָר אַ סאַך,
נאָר אויסראָטן דעם גלויבן אין מײַן פאָלק
וועסטו ניט קענען,
ס'וועט דײַן גוואַלד דיר ניט קלעקן,
ווײַל ביסט אָנמעכטיק און שוואַך.
אַ סטעזשקעלע אַ קליינינקס,
קאָנסטו שטילערהייט פאַרטרעטן,
נאָר ניט פאַרטרעטן וועסטו קיינמאָל
אַ ברייטן שטיינערדיקן שליאַך.

* * *

האָסט אָפּגעלעבט אַ לעבן בלויז פאַר זיך,
זעלטן ווען געטראַכט האָסט וועגן יענעם,
און אויב ס'האָט ווען-ניט-איז
דיר עפּעס וואָס באַרירט,
איז פאַרטרויען ניט געהאַט האָסטו פאַר וועמען,
ווײַל יאָמען פאַרגעניגן האָסטו אָנגעשעפּט פאַר זיך,
האָט דער ווייטעק דײַנער קיינעם ניט גערירט,
ווען דאָס האַרץ דײַנס האָט צעפלאַמט זיך ווי דער גענעם.
האָסט אָפּגעלעבט אַ לעבן בלויז פאַר זיך

און קיינמאָל ניט געטראַכט האָסט וועגן יענעם,
איז טישקעווע דײַן ווייטעק בלויז אין זיך,
ווײַל וועגדן זיך נאָך הילף האָסטו ניט צו וועמען.

ווילסטו שטאָלץ זײַן?

ווילסטו שטאָלץ זײַן ווי די וואָלגע,
ווילסט זײַן לויטער ווי בײַקאַל,
ווו קיין ווינט וועט ניט פארפאָלגן
די צאָפּן-פרייד פון יעדן שטראַל?
ווילסט דײַן הארץ זאָל שטענדיק ברייט זײַן,
ווי די וואָלגע מיט איר ברייט,
און אז קרישטאָליק זאָלסטו ריין זײַן
ווי בײַקאַלער טיפע פרייד?
איז גיי און נעם בא זיי די מײַלעס,
שעפּ אָן זויבער פון יעדן שטראָם,
וועט דיר גרינג זײַן טראָגן דײַגעס,
אָן שרעק פארבײַגייען יעדן טהאָם.
ניטאָ קיין הארץ, וואָס לעבט אָן דײַגעס,
ניטאָ קיין ראכוועס אָן קיין טהאָם.
ווילסטו קריגן שיינע מײַלעס —
איז שעפּ דעם זויבער פון יעדן שטראָם.

אויב שטארבן — איז העלדיש!

אויב שטארבן — איז העלדיש!
אויב לעבן — איז קיינמאָל פאר קיינעם ניט שטיין אף די קני.
איך בין ניט קיין נעבעך, וואָס וואלגערט זיך אום אין א העקדעש
און שלעפּט אף די אקסלען זײַן מאָגערע טאָרבע

צו קלײַבן פֿאַרבליבענע ברעקלעך
פֿון עפּעס אַ פֿרעמדן, געזעטיקטן טיש.
איך האָב נאָך פֿון קינדווײַז געזאַמלט זיך דרייסטקײַט,
שטאָלצקײַט געיאַרשנט איך האָב בײַ באַר־קאָכבען,
ברויזט אין מײַן האַרצן אַ יאַמיקע ברייטקײַט
און אַ ליבשאַפֿט צו פֿעלקער, וואָס לעשט זיך ניט אויס און פֿאַרגייט ניט.
פֿיל איך זיך שטענדיק אינערגעץ ניט אײנזאַם,
ווי שווער ס׳זאָל ניט זײַן מיר, מײַן לייד אומדערטרעגלעך,
פֿאַרליר איך זיך קיינמאָל און ווער ניט צעמישט,
אַפֿילע ווען כ׳בלײַב הינטערוועגנס אַליין נאָר,
ווערט מײַן האַרץ דורך דער אײמע פֿון וועג ניט פֿאַרפֿירט.
אומעטום איז מיט מיר מײַן מאַמעס צעשאָסענע ביינער,
וואָס טראָגן נעקאָמע אין ווײַסע צעבייניקטע שטיינער...
אויב שטאַרבן — איז העלדיש,
אויב לעבן — ווײַל איך ניט אומגיין געהאָרבעט,
איך בין ניט קיין נעבעך, וואָס קומט פֿון אַ העקדעש,
כ׳האָב מיט אייגענעם בלוט מיר דאָס לעבן פֿאַרהאָר׳זועט.
וועל איך אינערגעץ ניט פֿילן זיך אײנזאַם,
מיט קאָוועד כ׳וויל לעבן צווישן פֿעלקער געמיינזאַם.

אין דער נידער שטערן פֿאַלן

פֿונעם הימל שטערן פֿאַלן,
אין דער נידער שטערן לויפֿן,
ווער פֿאַלאָכעט זיי פֿונויבן,
ווער אַף זיי איז אָנגעפֿאַלן,
וואָס מע האַלט אין איין אַנטלויפֿן
און מע הערט ניט אויף צו פֿאַלן.
פֿון צעטומלטקײַט פֿאַרלירט מען
בלויע ליכטיקײַט פֿון שטראַלן.
ווער זשע בונטעוועט עס אויבן?

ווער צערודערט עס דעם נידער?
כ'בין ניט איין מאָל אויך געפאלן
און האָב גלײַך זיך אופגעהויבן
אינעם גרויסן קידער-ווידער,
כ'האָב יעדן שטערן אופגעהויבן
און צעשטעלט כ'האָב זיי פונויבן,
אז יעדער איינער זאָל מיט גלויבן
אינעם הימל לויכטן ווידער,
ווען ס'איז אײַנגעשטילט פונויבן
לעבט זיך רויק אין דער נידער.

העלף מיר צונויפזאמלען

העלף מיר, פרײַנט מײַנער, צונויפזאמלען
די שעפּע די פארבליבענע פון זומערס,
צונויפזאמלען די בלױנג די פארגאנגענע פון פרילינגס,
וואָס לעבט נאָך אף די ראכוועסן,
די הארבסטיקע צערעגנטע,
און פון גרײַפנדיקער וועלקעניש ביז איצט ניט אומגעקומען,
איז לאָמיר גיין מיט זיכערקײַט, צו זאמלען אָט די ליכטיקײַט,
און צונויפלייגן אין סנאָפּעס אלע שטראַלעכלעך די ציכטיקע,
וואָס וועלן אונדז צוניץ קומען פאר פרײַנט נאָך ניט באגעגנטע,
פאר הערצער ניט דערווארעמטע, פאר הערצער הינטערשטעליקע.

אויב ערגעץ־ווו

אויב ערגעץ-ווו האָט זיך מײַן פרייד פארבלאָנדזשעט,
איז ווײַז דעם וועג איר, זי זאָל וויסן, ווו צו גיין,
מעגלעך, אז א שטוב-ווינט האָט די אויגן איר פארפּראָשעט,

קאָן זי ניט געפינען איר אייגן סטעזשקעלע אהיים.
אויב מײַן הארץ האָט ווען-ניט-איז
אף וועגן אומגעבלאָנדזשעט,
האָט עס בלאָנדזשענדיק פארבלאָנקעט בלויז צו זיך אליין.

האָט דען די רעכט...

האָט דען די רעכט אזא טאָג, אזא ווארעמער הארבסטיקער,
א געפונענער טאָג, אן אויסערגעווײנלעכער,
פארלאָזן די ערד, מיט זײַן גוטסקײַט דער הארציקער,
מיט זײַן גאָלדענער שיינקײַט, דער לויטערער הימלעכער?
און איך זאָל פארבלײַבן מיט וועלדער און וועלקעניש
מיט ביימער אנטבלויזטע, מיט צווײַגן מיט ליידיקע.
פארהאלט איך דעם טאָג, מיט מײַן ליכטיקער בענקעניש,
כ'פארנעם אים צו זיך, ווי א פרײַנט, אין געפענקעניש,
אז בלײַבן מיט מיר זאָל זײַן ווארעמע בלענדעניש,
זײַן ליכט די צעשטראָלטע אין מײַן הארץ — א באהעלטעניש.

איז דען מעגלעך

איז דען מעגלעך, אז די גרויסע בעריכע אין הימל
זאָל ווערן מיטאמאָל אין איר ליכטיקײַט אנטוישט?
איז מעגלעך, אז דעם פויגל זאָל דערעסן זײַנע פליגל
און די וווינונג-נעסט אף צווײַגן, וואָס ער אליין האָט
אויסגעבויט?
זאָגן קאָנסטו וואָס דיר ווילט זיך,
נאָר די וועלט וועט דאָך ניט גלויבן
אין דײַן מעשונעדיקן ווילדן, אומגעלומפערטן געדאנק,
קוק זיך אײַנעט אינעם גוטמוט, וואָס איך טראָג אין מײַנע אויגן,
וועסטו זען א וועלט א גאנצע מיט איר ערלעכן פארלאנג.

וואָס קיין ווינט וועט ניט פאַרלעשן מיט זײַן העסלעכדיקן רױשן
יענע דוירעסדיקע דרייסטקײַט, וואָס לעבט אין הארץ מײַנעם פון לאַנג.
מיך וועט קיינער ניט פאַרפירן צו דעם אָפּגרונט פון אנטוישונג,
ווי ניט פאַרפירן וועסט פריצײַטיק דעם גינען-שטערן צום פארגאַנג.
מעגסטו זאָגן וואָס דיר גלוסט זיך, נאָר ס'וועט קיינער דיר ניט גלויבן,
אז מײַן ווירדע ביסט מעסוגל ווידער טרײַבן צו דעם טויט,
אַף די וועגן שטייט מײַן דרייסטקײַט מיט אופגעוואכטע אויגן
לעם אן אויסגעקרימטער פּאַרטקע, וואָס פאַרמאָגט שוין ניט קיין פלויט.
אָט די דרייסטקײַט וועט ניט לאָזן קיינעם אומברענגען מײַן גלויבן,
וואָס מיט צאַפּלדיקן ציטער כ'האָב פון קינדווײַז נאָך געבויט.
קוק זיך אײַנעט אין דער פרײַנטשאַפט, וואָס איך טראָג אין מײַנע אויגן,
וועסטו קיינמאָל אין דײַן לעבן ניט זײַן אין מיר אנטוישט.

* * *

צעשטעלט האָט א פישער זײַנע נעצן אין טײַך
און געוואַרט זייער לאַנג אַף דער פאַנג,
נאָר ארויסגעשלעפּט האָט ער א לײדיקע נעץ,
ווו געפּויזעט האָט בלויז — א גיפטיקע שלאַנג.
האָט ווידער דער פישער די נעצן צעשטעלט,
געדולדיק געוואַרט און געוואַרט,
ביז ער האָט מיט זײַנע פאַרהאָרעוועטע הענט
ארויסגעשלעפּט שווער אזא מעכטיקן קאַרפּ.
ווײַזט אויס, אז ניט לײַכט און ניט גלײַך קומט דער פאַנג,
ווילסט כאַפּן א העכט און כאַפּסט גאָר א שלאַנג.

איך זאמל צונויף

ווײַפל ווי-געשרייען ווערן דאָרט ערגעץ פאַרפאַלן,
ווײַל קיינער הערט זיי ניט,
קיינער פאַרנעמט ניט זייער לייד.
ווײַפל וואַרעמקייט פון שטראַלן
פאַרשווונדן ערגעץ ווערן
און זוניקייט אַזויפיל אין פינצטערניש פאַרגייט.
זאַמל איך צונויף פון ווי-געשריי די טרערן
און די ליידן פון אומגעבראַכטער פרייד,
צו הערצער, צו פאַרוואָרפענע צי איך מאַגיסטראַלן,
איז קיין ברעקל פרייד ניט ווערן זאָל פאַרפאַלן,
וואָס איך האָב נאָך יאָרנלאַנג פאַרגרייט.

ווי זיס און זאַפטיק

ווי זיס און זאַפטיק איז דער ווײַנטרויב
און ווי גאַליק ביטער איז זײַן יאָדער,
מיט זײַן זיסקייט כ׳עס זיך אָנעט,
מיט זײַן ווײַנזאַפט כ׳טרינק זיך אָנעט
און מיט פרישקייט גיסט זיך אָנעט
אין מײַן קערפּער יעדער אָדער.
ווײַזט אויס, די זיסקייט קומט אָן טאָמיד
דורך דער ביטערניש פון יאָדער.

יעדער מענטש דאַרף ווייטעקן

יעדער מענטש דאַרף ווייטעקן, יעדער מענטש דאַרף לײַדן,
ווען עמעץ קומט באַליידיקן זײַן וואַקסנדיקן שטײַגן.
ווען עמעץ וויל דײַן אָנטייל פאַרוואָלוולערן, פאַרמינערן,
איז נעם זיך אָן מיט מוטיקייט און גיי אַרויס דערווידערן.

זאָל דער כוצפּעניק, דער פּרעכיקער, דערפילן דײַן פּאַראַכטונג,
וואָס פאַרבײַגײין וויל דײַן פּראַצע און וויל אָפּקערעווען זײַן אַכטונג.
דו לאָז זיך ניט פאַרפירן פון קיין ריידעלער קיין זיסינקע,
וואָס לייגן דיר אַף קוילן הינטערוויגיק ערגעץ גליַיקע.
זײַ ניט קיינמאָל אונטערטעניק, ווען די גערעכטיקײַט איז דײַנע,
געוווין זיך ניט צו פּעלשן, ווער דײַן יוישער זיך צעשײַנען.
און דער בלאָף דער אײַנגעשפּאַרטער, ער ווערט ביסלעכווײַז
צעגיין זיך
אינעם גרעסטן קידער-ווידער, ניט פאַרבלײַבן מיט זיך אליין זיך.
זאָל דײַן האַרץ אויך ווייטעקן, זאָל עס מוטשען זיך און לײַדן...
יעדער מענטש דאַרף ווייטעקן, יעדער האַרץ דאַרף לײַדן,
ווען צונישט מאַכן וויל עמעצער דײַן דווירעסדיקן שטײַגן.

מיך שרעקט ניט

מיך שרעקט ניט דער אײַנגעגעסענער אומעט,
ווען אויג אַף אויג מיט מיר פאַרבלײַבט,
ער מעג זיך לאַשטשען צו מיר נאָענט,
ווי מײַן יאַגד-הונט דער קודלאַטער,
מײַן בעסטער יעגערישער פרײַנט.
נאָר מיר זײַן צערטלעכקײַט פאַרמאַטערט,
עס ווערט מײַן מונטערקײַט געפּאַטערט,
ס'ווערט דאָס האַרץ מײַנס אויסגעמאַטערט
פון זײַן נאָענדיקן פּײַן.
האָט מײַן יאַגד-הונט דער קודלאַטער
אַף דעם אומעט זיך צעהאַוקעט,
אים פאַרטריבן פון מײַן וווינונג,
ער זאָל מער מיט מיר ניט זײַן.
נאָר ווען מײַן יאַגד-הונט דער קודלאַטער
זאָל דאָס האַרץ מײַנס איצט א לעק טאָן,
וואָלט ער פון זינען דאָך גערירט זיך
פון מײַן אומעטיקן פּײַן.

* * *

ס׳קאָן זײַן, אז ביימער ריידן צווישן זיך,
מיט גרינער שורשעניש ענטפערן די בלעטער,
אז קיין צווײַגעלע, קיין איינציקס
זאָל ניט וואגן צו פארנייגן זיך,
ווען ס׳בושעוועט, ווען ס׳ווילדעוועט,
ווען ס׳מאָרדעוועט דער וועטער.
זע איך, ווי די צווײַגן נייגן זיך און טוליען זיך,
די שורשעניש פון בלעטער
ווערט גרעסער אַלץ און גרעסער,
ווײַזט אויס, די ביימער ריידן דאָרט צונויף זיך,
ס׳זאָל יעדער צווײַג זיך האלטן דאָ מונטערנדיקער, פעסטער,
ניט נייגן זיך, ניט בייגן זיך,
ווען ס׳הוליעוועט דער וועטער.

* * *

ניט יעטווידער נאָענט קאָנסט פון נאָענט דערשפּירן,
ניט יעטווידער ווײַט קאָן ווײַט דיך פארפירן.
מיך וועט קיינמאָל ניט קענען פארנארן די צײַט
מיט אירע פארפלעקטע קאָלירן.
פון דער סאמע פארוואָרפנסטער ווײַט
וועל איך די פאַלשקײַט פון פארבן דערשפּירן.

קיינער ווייסט ניט

קיינער ווייסט דאָך ניט דעם ריינעם עמעס,
וואָס קומט פאָר דאָרט צווישן זיי,
פאר קיינעם ווײַזט מען ניט ארויס קיין רעמעז

פון אַפּטער אמפּערניש פון ווינד און וויי.
זאָג איך שטענדיק אָפּנהארציק,
און איך טײַנע אָפּט צו זיי,
ברענגט ארויס פאר פרײַנט דעם עמעס,
וועט לײַכטער ווערן אײַך די לייד צו טראָגן
די טיפע שראמען פון ריזלדיקן וויי,
איידער שטיקן אינעם הארצן
פון כלוקעדייעס דעם געשריי.
נאָר אויב איר שעמט זיך אויסזאָגן דעם עמעס
אפילע פאר די בעסטע גוטע פרײַנט,
וויל איך דיר, מײַן טײַערע, איצט וואָרענען,
אז כאָטש פאר קיינעם ווײַזטו ניט ארויס
פון ליידן דײַנע קיין שום רעמעז,
דערזע איך גלײַך דײַן טרויעריקן פּײַן,
וואָס ליגט באהאלטן אין דײַן דערשטיקטן עמעס,
און ווי אין יעדן בליק דײַנעם, די פרייד
לעשט אויס צוביסלעכווײַז איר שײַן.
אויב דײַן ליבע דויערט ווי א רעמעז,
וועסטו קיינמאָל גליקלעך אף דער ערד ניט זײַן.

אַט דאָס אומבאשטימטע

אַט דאָס אומבאשטימטע וואַרטן,
הײַנט דאָס טראכטן
אינעם דויערהאפטן וואַרטן
קאָן דאָס הארץ באם גרעסטן גיבער
פלאצן פון געדולד,
נאָר מײַן וואַרטן לעם איר פארקן
אין יענע ווארעמע פארנאכטן,
לעם דעם פלויטל בא איר שטוב,
וואָלט איך פאַרגעזעצט דאָס וואַרטן,

און ניט אופגעהערט צו טראכטן
אפילע ביז פארטאָג.
אבי כ׳זאָל קענען זיך דערווארטן,
זי זאָל צוגיין צו דעם פארקן
און פארלייַכטערן מייַן בענקשאפט,
וואָס מאטערט מיך און פּלאָגט.
ווי זשע קערט מען אום די רעגעס,
יענע כ׳יעסדיקע שאָען,
יענע ווייַסינקע בערעזעס,
וואָס זייַנען עפשער אויך ניטאָ שוין?..
איז דען מעגלעך, ס׳זאָל ניט בלייַבן
אף די וועגן כאָטש א רעמעז
פון יענעם יוגנטלעכן טייַנעג
מיט זייַן זויבערדיקן עמעס,
וואָס האָט מיט ליבשאפט אונדז געפּייַניקט.
גיי איך אָפּזוכן דעם רעמעז
פון אנטרונענדיקן טייַנעג,
עפשער וועל איך אים געפינען
צווישן קליאָנען און בערעזעס.
אויב שוין ליידן, — איז אף דער עמעס
פון ליבשאפט זייַן געפּייניקט.

פאראנען ווינטן

פאראנען ווינטן, וואָס פארמאָגן צופיל גווורע,
ברענגען זיי בלויז אומגליקן און שאָדן אף דער ערד,
און א ווינט מיט ווייניק קויעך רירט ניט אָן די זריִע,
דאָס קערנדל, דאָס קלענסטע ווערט אף פעלדער ניט צעשטערט.
איז ווער באדארף די ווינטן מיט איבערפולטער גווורע,
וואָס אומברענגען זיי קאָנען די גוטסקייַט פון דער וועלט.
נאָר אויב דו ווילסט די שטילקייַט אפדערעמעסן געווינען,
דערלאָז זשע ניט צעבושעווען די ווינטן מיט קיין קעלט.

* * *

ווען איך זאָל ניט גלייבן און ניט האָפן,
אַז יעדער אומגעריכטער אומגליק
אַף מײַן וועג, וואָס איז פאַרלאָפן,
וועט ניט דורכגיין, ניט פאַרשווינדן,
ווי אַ וואָלקנדיקער פלעק,
וואָלט איך קיינמאָל ניט געשלאָפן,
ס'וואָלט מײַן הארץ זיך אָנגעצונדן
און ס'וואָלט אָפּגעברענט פון שרעק.
נאָר די קראַפט פון מײַן ביטאָכן
ברענגט דאָס הארץ מײַנס צו ניצאָכן
און מײַן צווייפל גייט אוועק.

* * *

פאַרוואָס איז דער עכאָ ניט ענלעך אַף מײַן קאָל,
וועלכער עמעצער געוואַגט האָט אים דאָרט ענדערן,
פאַרקערעווען אים פון וועג, פון מײַן זאָרגנדיקן אָל,
וואָס וואַנדערט אַלץ אַרום פון איינעם צו דעם אַנדערן.
מײַן ווידערקאָל, וואָס טראָגט זיך פון הויכע בערג אין טאָל,
דערוועקן יענע פלאַנצונגען, וואָס הויבן אָן צו צאַנקען,
ווײַל די בליִונג איז צו זיי ביז איצט נאָך ניט דערגאַנגען.
ווער זשע וואַגט עס דאָרט צו ענדערן דעם קאָל פון מײַן געוויסן,
די טריט מײַנע די דרייסטע פון ערלעכע געדאַנקען?
האָסט ניט איין מאָל זיך פאַרמאָסטן צו פאַרטויבן אַלץ אומיסטן
סײַ מײַן יוגנטלעכע שטים, סײַ די לויטערע פאַרלאַנגען.
נאָר דאָס ווידערקאָל דאָס ווײַטע האָט נאָכגעפאָלגט מײַן קאָל
און אויפגעוועקט די בלימעלעך, וואָס האַלטן שוין באַם צאַנקען,
אַרײַנגעטראָגן יעדן האָט ער בליִונג אינעם טאָל,
געבראַכט מיט זיך פון פרילינג די צערטלעכסטע געזאַנגען,
אויך מײַן אויפגעוואַכטע פרייד, וואָס איז צו זיי נאָך ניט דערגאַנגען.

ווען ס׳וועקט מיך אויף אן אומרו

אויפגעוועקט באַנאַכט האָט מיך אַ מאָדנע שעפּטשערײַ,
אַן אומפּערניש אַ שטילע האָט אומגעשפּאַנט אין צימער,
ווײַל איך אָפּזוכן די נאָרע, פונוואַנען ס׳גייט די קריגערײַ,
צעעפענען זיך פּלוצעם מײַנע שופלאָדן מיט לידער,
און ס׳שפּאַרן זיך קסאַוויאַדן מיט צעהיצטער טומלערײַ,
אין געראַנגל גייען סטראָפעס פון צעבונטעוועטע לידער,
און אַלע אין איין קאָל זיי מעלדן מיר אָפּסנײַ:
קיינער וועט אין שופלאָד מער ניט לעבן סײַוויסײַ.
אַ פאַרדראָס איז אונדז אַ גרויסער, וואָס אַזעלכע לידער שיינע,
געבוירענע פון הארצן, זויבערדיקע, ריינע,
ווי שטערנדלעך געלײַטערט, מיט ערלעכקײַט באַזילבערט,
זאָלן ליגן דאָ פאַרשפּאַרטע, פאַרמאַכטע אינעם שופלאָד.
טײַנען לידער צו דעם דיכטער, טומלען שורעס אויפגערעגטע,
און ווי פונקען אָנגעגליטע, פליִען פײַערדיקע ווערטער.
גיי איך שטילערהייט אַראָפּ זיך צו מײַן וויגעלע פון לידער
און הער אויסעט יעדער טײַנע פון די לידער מײַנע — קינדער,
ווי מײַן מאַמע פלעגט אַראָפּגיין אײַנשטילן מײַן הונגער
און אײַנוויגן מיט טרייסטונג מײַן פאַרהילצעוועטע מולטער.
ווי אַ דיכטער אַ געטרײַער בין איך האָפערדיק און מונטער,
בלויז מיט דרייסטקײַטן דערנער איך מײַן יעדער ליד באַזונדער.
נאָר אויב אַן אומרו וועקט דאָס האַרץ מײַנס און ס׳ווערן שלאָפלאָז
מײַנע לידער,
בין איך וואַכזאַם, ווי אַ וועכטער, וואָס די ערלעכקײַט פאַרהיט ער.

שיפן מײַנע, שיפן

שיפן מײַנע שטילע, ווײַסע, ווי די שוואַנען,
אָט ערשט כ׳האָב אײַך אָפּ וואַסערן געלאָזט, אַז איר זאָלט שווימען.
אויסגעקליידט כ׳האָב אַלעמען אין שענסטן און אין בעסטן,

אויסגעלערנט בײַקומען די שרעקלעכסטע געפארן,
אז קיינער זאָל אין וועג אײַך ניט פארבלענדן, ניט פארנארן,
קיין שטורעם זאָל ניט וואגן פון דער ריכטונג אײַך פארווארפן.
און צו אָפּגעפרעמדטע ברעגן מיט כוואליעס אײַך פארשפארן.
אלץ, וואָס כ׳האָב פארמאָגט נאָר, האָב איך אײַך אוועקגעגעבן,
ווי א פויגל א געטרײַער, וואָס טראָגט קערנדלעך צו נעסטן,
פאר אייפעלעך פאר זײַנע, וואָס גרייטן זיך צו שוועבן
און טראָגן אף די פליגלען די ליכטיקײַט פון לעבן.
שיפן מײַנע, שיפן,
כ׳האָב אײַך אלעמען פארופן הײַנט אהערצו, אין מײַן האפן,
כ׳זאָל אײַך וואָרענען באצײַטנס,
אז ווּהין איר וועט ניט קומען
און אף וועלכן יאם איר זאָלט ניט שווימען,
לאָזט ניט אָנלאָדן קיין פראכטן,
וואָס קאָנען אופטרייסלען די יאמען,
וואָס קאָנען אומברענגען די שטילקײַט,
און צעוואלגערן די מילדקײַט,
און פארלענדן אויך די שיינקײַט
און צעברעכן מײַן פארליבטקײַט
אין דער זויבערדיקער ריינקײַט,
וואָס לעבט מיט וואָרעמקײַט אין הארצן.
וואָרן איך באצײַטנס אלע מײַנע שיפן,
אז אף אוועלכן יאם איר זאָלט ניט שווימען,
און צו אוועלכן ברעג איר זאָלט ניט קומען,
ברענגט צו לענדער בלויז א פרײַנטשאפט
און אף זעגלען טראָגט דעם שאָלעם.

מײַדט ניט אויס מײַן פענצטער

שוואלבן מײַנע, כ׳וועל אײַך אלעמען צו מײַן פענצטער הײַנט פארזאמלען,
זיך מוידע און מיסוואדע זײַן פאר אײַך,
אז פון אָפּטן אומרו איז מײַן הארץ געוואָרן צופיל וואכזאם

און ס'איז אוועק דער שלאָף פון מײַנע אויגן.
איז עפשער וועט מיר גרינגער זײַן מיט אײַך צוזאמען,
ווען איר וועט זיך אוועקשטעלן אָט דאָ, לעם מײַן צוקאָפּנס,
און מיט אײַערע געזאנגען וועט איר מיך דערוואַרעמען,
וועט דאָס הארץ מײַנס זיך בארויִקן
און ס'וועט מײַן אומרו אופהערן צו ליארעמען.
שוואלבן מײַנע, איך בין פול צו אײַך מיט גלויבן,
אײַער צארטקײַט האָט פון קינדווײַז מיך גערירט,
כאָטש כ'האָב געהאלטן אײַך פארשלאָסן אין א שטײַגל,
ווײַל כ'האָב געוווּסט, איר וועט אוועקפליִען פון מיר.
בעט איך אײַך אצינדערט, מײַן פענצטער ניט פארמײַדן,
ווײַל די בענקשאפט אין מײַן הארצן גייט אוף ווי א געפריר.
כ'וועל דינען ווי א בוים אײַך מיט בלעטערדיקע צווײַגן,
אז רוען אין די נעסטן זאָלט איר קענען בלויז בא מיר.
און יעדן אינדערפרי, אָט דאָ, לעם מײַן צוקאָפּנס,
זאָלט איר אויסזינגען מיר שטענדיק
אײַער פרילינגדיק געזאנג.
פון די פעלדער זאָלט איר ברענגען פרישע טויען־טראָפּנס,
איך זאָל אָפּוואשן די מידקײַט פון מײַן שלאָפלאָזן געדאנק.
קומט זשע אָפטער צו מײַן פענצטער אין באגינען,
עפשער וועט זי קומען אויכעט הערן דעם געזאנג.
איך וויל, איר זאָלט מיר, שוואלבן, העלפן צו געפינען
יענע יוגנטלעכע ליבע, וואָס כ'האָב פארלוירן ערשט ניט לאנג.
קומט א שוועלבעלע צום פענצטער אומגעריכט צו פליִען —
ברענגט עס מיר א בסורע, וואָס דערמונטערט מײַן פארלאנג.

מער וועט אזוינס זיך ניט אומקערן

מער וועט אזוינס זיך ניט אומקערן,
מער וועט אזוינס ניט פּאסירן,
אז איך זאָל פארגיסן גאָר טרערן,

פון ווייטעק מײַן הארץ זאָל קלאפירן,
און דו מיט פארטײַעטע אויגן
זאָלסט קלײַבן פון דעם פארגעניגן.
אזוינס וועט מער ניט פאסירן...

אנטקעגן מײַנע פענצטער

אנטקעגן מײַנע צוגעמאכטע פענצטער
האָט זיך אוועקגעשטעלט א פריילעכע קאפע
מיט א גרויסן יאָמטעוו-זאל פאר באלן.
קומען מיידלעך מיט באָכערים יעדן אָוונט אָט אהער,
וואָס דערמאָנען מיר מײַן יוגנט,
און מע טאנצט דאָרט אין די זאלן,
מיט זינגענדיקע הערצער צעהוידעט מען די ערד.
וואָלט איך אויך געוועזן א באלן
מיט זיי טאנצן אין די זאלן.
פארופט מיך אָבער קיינער ניט אהער.
צעעפן איך די פענצטער אף צו הערן די אָרקעסטערס,
די הילכיקע טרומייטן, וואָס צעטרייסלען דעם ארום,
מעשענע קלארנעטן צערודערן די גאסן,
טעצעלעך צעדזשימזשען מיט א קלינגענדיקן זשום.
ליב האָב איך די לײַכטקײַט פון מונטערדיקע דזשאזן,
טאנץ איך אין מײַן צימער שטיל אזוי, געלאסן
און נעם זיך מיט מײַן איינזאמקײַט ארום.
מיר געפעלן אָט די לידער, די ניגונים פון פארפאסער,
ניט איך וויים דעם קאָמפּאָזיטאָר,
ניט איך קען די דיריזשירער,
נאָר ס'געפעלן מיר די לידער מיט די צערטלעכע מאָטיוון,
וואָס דער יונגער דיריזשאָר
האָט אליין זיי אויסגעקליבן,
און מיט זיי זיך אײַנגעגלידערט,

מיט מײַן פרייד זיך אײַנגעשװעסטערט,
שפּילט זשע, קלעזמער, אָט דעם ניגן,
שפּילט אים שטאַרקער, שפּילט אים העכער,
זאָל מען האָבן פאַרגעניגן.
ס'איז ניגונים פון די אָװעס,
װאָס געזונגען האָט מײַן זיידע,
און מײַן מאמע, און מײַן שװעסטער.
טאַנץ איך איצט אַליין אין צימער
אַף אַ כאַסענע אַ פרעמדער.
און מיר דוכט, מיט אַלע קלעזמער
שפּיל איך אויס איצט מײַנע לידער
מיט אַ יידישן אָרקעסטער.

װי צאַרט ביסטו...

װי צאַרט ביסטו און אָנגענעם,
און װי מילד איז דײַן געשטאַלט,
דו האָסט מײַן יוגנט מײַן פאַרגאַנגענע
מיט געזאַנג צו מיר געבראַכט,
און װי אַ שטראַלכל אַ לעװאָניקס
אינעם פענצטערל פון האַרצן
מיר אָנגעקלאַפּט באַנאַכט.
כאָטש מיר איז שװער געװען דערקענען
דורך דינע װאָלקנדלעך פון גרים
דײַנע יוגנטלעכע אויגן
און די שװאַרצקייט פון די ברעמען,
נאָר װי נאָענט זעסטו אויסעט,
װען כ'דערהער דײַן מילדע שטים.
נאָר װערט די שטים דײַנע אַנשװיגן,
דוכט מיר, װי עס צאַנקט דײַן כיין,
כאָטש אין האַרצן בלײַבט דײַן ניגן,

וואָס וועקט מײַן בענקשאַפט נאָך דײַן היים.
און ווידער שוועבט פאַר מיר דײַן שמייכל,
וואָס איז פון יונגווײַז מאַלע-טאָם,
און מיר דוכט, כ'וועל באַלד דערגרייכן
מיט מײַן ליבשאַפט צום עקראַן,
און כ'וועל דיר דורכטראָגן אַצינדערט
דורך דעם פּולגעפּאַקטן זאַל,
וואָס העלפט דיר אויסזינגען די לידער
מיט אַ פליעסקענדיקן זאַלפּ.
און מיר דוכט, אַז אויך, ווי פריער,
איך דריק זיך צו צו איר געשטאַלט
און איך העלף איר אויסזינגען די לידער
וועגן אַלץ, וואָס ווערט ניט אַלט.

* * *

ניט אַלץ, וואָס איך וויל, קאָן איך זאָגן בעניגלע,
רעד איך אָפן צו זיך, צו מײַן גלויבלעכן טרייסטער,
ווי אַמאָל האָט מײַן מאַמע גערעדט מיט אַ וויגליד
צו מיר אינעם וויגל, און כ'האָב זי פאַרשטאַנען, אַזוי ווי
אַ גרויסער,
כאָטש געקענט כ'האָב איין שפּראַך, בלויז וויינען און שרײַען,
אָפּטמאָל פאַרגיין זיך ביז בלאָוו זײַן אין וויגל.
נאָר געפילט כ'האָב פון קינדווײַז, ווי זי איז געטרײַ מיר,
און אין האַרץ מײַנס צעגייט זיך איר יידישער ניגן.
דוכט מיר אויס, ווי זי שטייט נאָך ביז איצט לעם מײַן וויגל,
און כ'טײַנע זיך אויסעט מיט איר ווי אַ גרויסער.
עס זאָגט מיר מײַן מאַמע, מײַן פרײַנטלעכער טרייסטער:
איך האָב דיר פון קינדווײַז געגעבן צוויי פליגל,
זאָלסט טראָגן דעם עמעס צום לעבן אַלץ דרייסטער,
אַרויסזאָגן זאָלסט אים פאַר מענטשן בעניגלע,

אים קיינמאָל ניט האַלטן אין האַרצן בעסייסער.
געוווינט איז דער עמעס בלויז עפּנטלעך לעבן,
באַהאַלטסטו אים אויסעט, צעשרײַט ער זיך דרייסטער.

* * *

פאַראַנען פויגלען אַזעלכע איידעלע און צאַרטע,
פּונקט ווי יונגע פרויען זעען אויסעט מילד,
איז וויפל כ׳זאָל ניט האַלדזן, אַרומנעמען זיי האַרציק,
ווערט מײַן פאַרגעניגן, ווי א גייזער ניט געשטילט.
ליב כ׳האָב אַלע פויגלען, אָבער פויגלען ניט קיין שוואַרצע,
מעג זײַן ווײַסע, אָדער ראָבע, אפילע ברוינע האָב איך האָלט,
נאָר פאַר פויגלען די ווײַסשנייִיקע און צאַרטע
וואָלט איך אויסגעבויט זיי נעסטן, ניט פון צווײַגלעך, נאָר פון גאָלד.
כאָטש מענטשן האָב איך ליב, מעג זײַן ווײַסע אָדער שוואַרצע,
ווי ליב ס׳איז מיר די פויגלען מיט זייער הימלדיקן כיין,
נאָר פון קינדווײַז איז מיר ליבער, עפּעס נעענטער צום האַרצן
דאַפקע טײַבעלעך די ווײַסע, מיט שנאָבעלעך די שוואַרצע
און מיידלעך בלאָנדהאָריקע מיט פּערלדיקע ציין.

שטער ניט דער ערד

שטער ניט דער ערד. זאָל זי זינגען וויפל זי וויל
און וויפל זי קען נאָר,
זאָלן פויגלען פון וועלדער איר מיטהעלפן שטיל
מיט צאַרטע פילשטימיקע טענער.
פאַרקלעמסטו מיט צוואַנגען א פרײַען געפיל,
קאָרטשעט ער אײַן זיך, ווי טרוקענע שפּענער,
פאַרשפּאַרסטו אין האַרצן א ליכטיקן ציל,

ווערט די בענקשאפט נאָך פרײַהײַט
אַלץ שטארקער און גרעסער.
בלויז א קלײנינקער פונק קומט צו גיין אין דער שטיל,
צינדט ער אָן מײַן באגער און צעפלאקערט אים העלער,
איז שטער ניט דער ערד, איר געזאנג אינדערפרי
וועט זי זינגען אין אָוונט נאָך טויזנט מאָל שענער.

געדולד

דער, וואָס זוכט, דער וועט שטענדיק געפינען,
ווי פארגראָבענע מינעס זוכט אָפּ דער מיניאָר,
און עס ווערט די געפּאר אָף די וועגן אנטרינען,
דאָס לעבן בא קיינעם ניט הענגט אָף א האָר.
דער, וואָס זוכט, דער וועט שטענדיק געפינען,
ווי די זון, וואָס זוכט אָפּ און געפינט צום באגינען
איר וועג, וואָס צעפלאמט בא דעם ראנד פון קאיאָר,
און עס אָטעמט זיך לײַכט, און ס'ווערט אַלץ אזוי קלאָר,
ווען די ערד איז צעהעלט און מיט שײַן איבערפולט,
ווי מיט פריידן דאָס הארץ, וואָס ווערט פרײַ מיטאמאָל
פון עפּעס א שווערער אומזיסטיקער שולד,
כאָטש געזוכט האָט עס לאנג, נאָר געוואַרט מיט געדולד
און געפונען דעם גערעכט, וואָס פארניכטעט די שולד.
דער, וואָס זוכט, דער וועט שטענדיק געפינען,
אויב אָנלאָדן וועסטו דאָס הארץ מיט געדולד.

צו דעם מערדער

צו דעם מערדער, וואָס מע זוכט נאָך
און מע קען אים ניט געפינען,
איז אָנגעצילט מײַן בליק,

ווי אַן אָנגעשאַרפּטע פֿײַל,
צי באַהאַלט ער זיך אין דזשונגלייעס אויף די ערדן אַרגענטינער,
צי אויף די טראַקטן אין קאַנאַדער, צי אויף וועגן ווענעסועלער,
מיט אַ נאָמען מיט אַ פֿרעמדן טראָגט ער אום זיך פֿראַנק און פֿרײַ,
וועל איך סײַוויסײַ אים נאָכגיין, זײַן באַהעלטעניש געפֿינען,
ווי אַ יעגער שפּירט געדולדיק נאָך די יאַגדן אינעם וואַלד.
אָט אַזוי וועל איך אַרומגיין מיט מײַן יעגער־ביקס אין לאַנד,
זוכן כ׳וועל דעם גאַזלען אין דער ליכטיק, אין דער פֿינצטער,
ער צעשאָסן האָט די יוגנט פֿון מײַן שוועסטערל דער ייִנגסטער.
דוכט מיר אויסעט, ווי פֿונווײַטן ראָכל וויינט אויף אירע קינדער,
און עס בלאָנקעט אום איר צאָרן בײַ די טײַכן נאָך אַצינדערט,
בעט איך זי ניט וויינען, בעט איך זי ניט קלאָגן,
כ׳בין געוווינט צו לײַדן, וועל איך אַלץ דערטראָגן.
כ׳וועל דעם אורטייל ברענגען צו דעם מערדערס שקיִע,
ס׳האָט מײַן פֿאָלק פֿאַרגרייט אים שוין פֿונלאַנג אַ טליִע.

פֿאַראַנען קאַנטן

פֿאַראַנען קאַנטן אויף דער ערד ניט ווייניק,
גאַנצע מאַטעריקן, וואָס שעמען אויף דער וועלט.
מיט זייער לויטערקײַט, מיט זייער געטלעכדיקער שיינקײַט,
וואָס ביז אומזין יעדערן געפֿעלט.
שטיי איך אָפּט פֿאַרקישעפּט פֿון פֿאַרגאַפּטקײַט אַ געקלעמטער
און קלײַב דעם פֿאַרגעניגן אין האַרץ מײַנעם וואָס מער.
פֿרעגן מיר די ראַכוועסן און טײַנען צו מיר שטענדיק:
ווער האָט עס אָן יושער צעטיילט אַזוי די שיינקײַט,
אַז בלײַבן זאָל געקריוודעוועט גרויסע טיילן פֿון דער וועלט;
בײַ לאַנדשאַפֿטן פֿאַרנומען די זוניקײַט, וואָס בלענדיקט,
און גאַנצע קאָנטינענטן קאָרטשען זיך פֿון קעלט.
זומפּן ערגעץ ווייקן אין זינקעניש פֿון דזשונגלייעס,
אָנגעגליטע זאַמדן דאָרשטן אין מידבאָריעס,

אין דער טריקעניש זיי זוכן כּאַטש אַ קוועלעכל אַ קאַלטס,
נאָר דער הימל און די ערד זײַנען שטענדיק אויסגעהונגערט
נאָך אַ וואַסערל, וואָס רינט ניט צו דערקוויקן זיך דאָס האַרץ.
לאָז איך זיך אַוועקגיין דורך וועגן דורך פֿאַרשוואַרצטע
באַהערשן אָט די ווילדקייט, וואָס גיט זיך אײַנעט שווער,
מיטנעמען מיט זיך וועל איך וווּנדערלעכע פֿלאַנצן
און באַקרוינען און באַשיינען די ניט מאָזלדיקע ערד.
כ׳וועל פֿון וויסטעניש דערהייבן אַלע דערנערדיקע ראַכוועסן,
די ערדן די פֿאַרלאָזטע כ׳וועל אַרויסשלעפּן פֿון דאַלעסן,
זיי זאָלן מער ניט ליגן אין שטויביקייט פֿאַרשטעלט.
אין צירונג וועל איך אָנטאָן אַלע מאַטעריקן,
דערהייבן זייער לעבן צו אַ פֿײַנער עקזיסטענץ.
כ׳וועל מיט ליטערע באַגינענס די טונקלעניש באַגליקן,
באַצײַנען אַלע וועגן מיט בלומענדיקע קרענץ,
אַז די גאַנצענע פֿלאַנעטע זאָל מיט אַלדאָס גוטס זיך קוויקן
און שטאָלצירן מיט איר שײנקייט, ווי ווענעציע און פֿלאָרענץ.

ווײַזט אויס...

ווײַזט אויס, דער ווינט האָט אויך אַ האַרץ
און האָט דערפֿילט די בענקשאַפֿט זײַנע
נאָך דער אײַנגעשטעלטער שטילקייט פֿון דער נאַכט,
נאָך דער וואַרעמקייט פֿון זומערדיקן טײַנעג.
האָט ער אַלע זײַנע פֿענצטער ברייטער נאָך צעפּראַלט,
איז מאַכנעסווײַז די פֿרישקייט געגאַנגען פֿונעם וואַלד
צו די לונגען די אַסטמאַטישע, צו די לונגען זײַנע קראַנקע.
געגאַנגען פֿון די וועלדער פֿון די וואָרזאַליער סאָסנאָווער,
פֿון די ביימער אָט די נאָדלדיקע שלאַנקע,
אַף די צווײַגן האָט אַ וועוורקע מיט ניסלעך זיך געהאָדעוועט,
און ער מיט סאָסנע־לופֿט די לונגען זײַנע קראַנקע.

* * *

באַרים זיך ניט קיינמאָל מיט דײַן גוורע,
ווען צום קעגנער גייסט אַרויס אין אַ געפעכט,
פֿאַר דײַן האַרץ ניט שווער איז און ניט גרינגער,
שאַץ אָפּ מיט ווירדע אי דײַן קויער, אי דײַן ווערט.
און אַז קומען וועסט פֿון ראַנגלעניש אַלס זיגער,
וועט יעדער איינער דיך באַגריסן אַלס אַ גיבער
און דײַן באַשיידנקייט באַקרוינען וועט די ערד.

פֿאַר מײַן לעבן

פֿאַר מײַן לעבן בין איך אויסגעווען
אַזויפֿיל וועלקנדיקע וועלדער,
געזען האָב איך ווי בלעטער פֿאַלן אָן אַ שיר,
נאָר כ'האָב קיינמאָל ניט פֿאַרטראַכט זיך,
צי ווערן ביימער אויך געעלטערט
און צי ווערט אויך זייער יוגנט פֿאַרשוווּנדן, ווי בײַ מיר?
האָבן מיר געענטפֿערט די צווײַגן די הויל-נאַקעטע:
צי זעסטו ניט די זון-ליכט די פֿרילינגדיק-צעשטראַליקטע,
וואָס קומט צו אַלע ביימער די אייוורים זיי דערוואַרעמען,
צי זעסטו ניט די קנאָספּן, מיט די שנאָבעלעך צעעפֿנטע,
די בלעטעלעך, וואָס פּיקן זיך, ווי שוועלבעלעך זיי ליאַרעמען,
ווען צווײַגעלעך צעגרינען זיך און יעדן יאָר צעוואַקסן זיך?
שטיי איך אָן אַ יוגנט, אַ געעלטערטער פֿאַר אַלעמען,
און ס'ווענדן זיך די בלעטעלעך די יונגינקע צו מיר:
— קום צו גיין, דו אַלטיטשקער, אַהערצו זיך דערוואַרעמען,
וועט דײַן בליונג יעדן פֿרילינג אויך זיך אומקערן צו דיר.

דאָס סטעזשקעלע

אויב ס'איז געבליבן נאָך ערגעץ-ווו א סטעזשקעלע פאַר מיר,
איז היט עס אָפּ, אז קיינער זאָל ניט קומען עס פאַרטרעטן,
כאָטש סטעזשקעלעך אין וואַלד זײַנען פאַראַנען אָן א שיר,
נאָר מיר איז נעענטער און ליבער
דאָס סטעזשקעלע דאָס שמאָלע, וואָס שלענגלט זיך צו איר.

אַלע וועגן

אַלע וועגן, וואָס גייען צו מײַרעוו,
פאַרקערעווען כ'וועל זיי אויף מיזרעך,
ווײַל כ'קאָן אויף קיין רעגע אָן שײַן ניט פאַרבלײַבן,
כ'מוז זען אין דער ליכטיק, וואָס אין דער פינצטערניש טוט זיך.
כאָטש העל זעען אויסעט די וועגן אויף מײַרעוו,
נאָר פלאַמענדיק לײַכטן זיי שטענדיק אויף מיזרעך.

אויף אוועלכן פעלד

אויף אוועלכן פעלד זאָלסט ניט באַגעגענען
א בערגל ערד דאָרט א באַשיידנס,
וואָס איז פאַרבליבן אָפּגעזונדערט נאָכן קריג,
און ניט פאַראַנען איז אויף דעם קיין מינדסטער אויפשריפט,
ווײַל קיינער האָט די נעמען ניט פאַרהיט,
איז מעג אין דרויסן מאַבלעווען,
איז מעג דער הימל רעגענען,
דו שטעל אליין אוועק זיך מיט דײַן האַרץ, וואָס רוט ניט,
און פּראָווע אָפּ א יאָרצײַט, כאָטש דו ווייסט ניט פון קיין נעמען.
שטעל אײַן פאַר זיי א דאַטע, קום יעדן יאָר אַהערצו,

וועסט הערן, ווי די פייגלען זינגען אויס שאָפּענען,
וועסטו הערן בא דעם בערגל, ווי עס קלאַפּן טויטע הערצער
פון ברידער אומבאַוווּסטע און פון אומגעבראַכטע שוועסטער.

איר געזיכט איז צעשראַמט

איר געזיכט איז פון ליידן צעשראַמט,
איבערפּולט מיט באַהאַלטענעם ווייטעק,
איר האַרץ ווערט פון בענקשאַפט צעפלאַמט,
כאָטש פאַר אים איז איר ליבשאַפט לאַכלוטן ניט נייטיק.
בלויז פאַר מיר איז איר בליק אַ באַגיינט, אַ באַטאַמט,
מײַן טרײַשאַפט צו איר איז ביז איצט נאָך געהייליקט,
נאָר זי איז צו מיר אַזוי ווינטערדיק קאַלט,
טראָג איך אין האַרצן פון גלײַכגילט דעם ווייטעק.

* * *

אַף וועגן, צווישן שנייען אַ פאַרווייטער,
מײַן יוגנטלעכן ליבע-פּאַסט
שטיי איך און באַוואַך,
עפּשער קומען וועט אַ ליבע כאָטש אַ צווייטע,
ווײַל קיין ערשטע האָב איך יונגווײַז ניט געהאַט.

דרייט זיך אום מײַן האָפענונג
צווישן וויוגעס, אַ פאַרווייטע,
מיט הורבעס שניי פאַרוואָרפן פונעם שליאַך.
נאָר ביז ניט קומען וועט די ליבע מײַנע צווייטע,
ניט פאַרלאָזן אַף קיין רעגע כ׳וועל די וואַך.

* * *

קאַלזמאַן דער ערד-קײַלעך וועט שווײַגן און ניט ליאַרעמען,
ניט צעבונטעווען די דרייסטקײַט פון מײַן דאָר,
האָב איך מוירע, אַז די וועלט זאָל זיך ניט אָפּסאַמען
און אין קראַמפּן פײַנלעכע זיך מאַטערן ביז גאָר.
מעלדע איך פאַר אַלעמען איצט עפנטלעך און קלאָר,
אַז ניט קענען זאָל דער מערדער לעם פײַערן לעם פרעמדע
די הענט זײַנע די בלוטיקע נאָכאַמאָל דערוואַרעמען,
דאַרף די ערד באַצײַטנס הילכיק זיך צעליאַרעמען,
אַז קיינער זאָל ניט וואַגן די שטילקײַט מײַנע האַרגענען
און אופהענגען דעם שאָלעם זאָל ער וועלן אַף אַ האָר.

ווײַזט אויס, אַז מײַן מאַמע...

ווײַזט אויס, אַז מײַן מאַמע
האָט מיך מיט קיין מילכן ניט געהאָדעוועט,
נאָר מיט שטאָל מיט פליסיקן פאַרפּראַוועט מײַן געמיט,
אַז קלעקן זאָל מיר קויכעס מײַן האָפענונג צו כאַוועז,
וואָס אויסגעווייטעקט האָב איך אין מײַן אויסגעשמידטער ליד.
ווי אַ שטאָלגיסער באַם אויוון, אָנגעהיצט, פאַרהאָרעוועט,
פורעם איך פאַר דוירעס מײַן האָפערדיקע ליד.
כאָטש ווייניק האָב איך הערצער מיט מײַן ייִדיש-ליד דעראָבערט,
נאָר מיר דוכט, אַז יעדער איינער דאָס האַרץ מײַנס פילט ער מיט.
ס'האָט מײַן מאַמע מיך מיט מילכן ניט געהאָדעוועט,
נאָר מיט שטאָל מיט פליסיקן פאַרפּראַוועט מײַן געמיט.

גוטע מענטשן

מײַן מאמע פֿלעג זאָגן:
גוטע מענטשן לעבן ווייניק,
שלעכטע מענטשן לעבן לאנג,
נאָר איך מיט גוטסקײַט בין פארייניקט,
ווײַל איך אָפּשטעלן אַף אייביק
אָט דעם פעלערהאפטן גאנג.
זאָלן שלעכטע לעבן ווייניק,
גוטע מענטשן — זייער לאנג.

שרײַ ניט...

שרײַ ניט, זשומע ניט, גרייגער ניט אזוי —
עס קאָן דײַן טומלעניש דיר מאכן ערגער.
אָט גיב א קוק, ווי רויִק לעבט דער בוים
און ווי באשיידן וואקסן זײַנע בלעטער.
ס'קאָן זײַן, דעם בוים טוט אויכעט עפּעס וויי,
ווען עס שטורעמט און עס ווילדעוועט דער וועטער.
נאָר ער טומלט ניט און מאכט ניט קיין געשריי,
און אויב עס טוט אים יאָ אפילע וויי,
פארטרויט ער שטילערהייט זײַן ווייטעק
די הוידענדיקע צווײַגן, ווען עס פאלן אָפּ פון זיי די בלעטער.

באהאלטענער גליק

עפן אוף אלע שלעסער פון יענעם באהאלטענעם גליק,
וואָס דו האלטסט עס פאר זיך, און מער ניט פאר קיינעם,
צעעפן דײַן הארץ, ווי ס'צעעפנט באנאכט זיך

אף ניעווסקער דער בריק
און ס׳גייען אדורך אלע שיפן איניינעם,
דו האלט ניט פארשלאָסן דײַן גליק בלויז פאר זיך,
זאָלסט נאָכדעם דײַן גורל אליין ניט באוויינען.

* * *

עטוואָס ווײַטער גיב א רוק זיך,
האָסט פארנומען דאָך מײַן אָרט,
אפן שפּיץ פון בענקל זיץ איך,
הער איך גאָרניט, וואָס דער זינגער זינגט דאָרט,
און ס׳איז שווער מיר אופכאפּן א וואָרט.
מאכט דאָס מענטשעלע זיך טויבלעך
און רירט זיך ניט פון אָרט.
בלײַב איך שטיין דאָ א פארגאפטער
און באטראכט זײַן זאטן שמייכל,
און זאָגן ווילט זיך מיר אים דאפּקע,
אז זייער שמייליק איז זײַן סייכל,
און אז ברייטער פון געוויסן
איז זײַן גופּעלע דאָס וויכע,
וואָס רירט זיך ניט פון אָרט.
קוויקט דאָס מענטשל זיך און שמייכלט,
האָט האנאָע פון זײַן סייכל,
הערט די וועלט פאר א פיטאק.
נאָר פון פעטן גוף דעם וייכן,
וואָס דאָס מענטשל האָט פארכאפּט,
האָט דאָס בענקל זיך צעסקריפּעט,
האָבן פיסלעך זיך צעכליפּעט
און צעפאלן זיך אף שטיקלעך
אינעם איבערפולטן זאל,
ווײַזט אויס, אזוי איז שוין דער גורל
פון יעטווידן נאכאל...

קאָן דען בלאָנדזשען די זון?

קאָן דען בלאָנדזשען די זון אַף איר אייגענעם הימל,
אָנשטאָט גיין צו דעם אופגאַנג,
זאָל זי פלוצעם פאַרקערעווען אהין צום פאַרגאַנג?
ווײַזט אויס, אז אזוינס קאָן זיך קיינמאָל ניט טרעפן
אפילע אין הארבסטיקן צעכמאַרעטן טומל,
קאָן די זון ניט פאַרמײַדן די וועגן צום אופגאַנג
און פלוצעם זיך לאָזן אהין צום פאַרגאַנג.
פאַר מיר איז מײַן ערד בלויז א ליכטיקער הימל,
וואָס לאָזט מיך ניט בלאָנדזשען אפילע אין העכסטן געווימל,
ווײַל מיט זיכערקײַט גיי איך צו יענעם פאַרטאָגיקן ראַנד
באַגעגענען די זון אַף מײַן ערדישן הימל,
וואָס גייט מיר אנטקעגן מיט וואַרעמער בלויקײַט
צעשטראַלט.

* * *

ערגעץ אינעם הימל האָט א שטערן זיך צעלאַכט
מיט א מאָדנעם הילכיקן געלעכטער,
האָב איך זיך אופגעכאַפּט, צערודערט אין דער נאַכט
און לעם ווידערקאָל פון שטערן כ׳בין געבליבן א געפּלעפּטער.
ווײַל זייער ענלעך איז דאָס שטערנדיקע קאָל
אַף מײַן יוגנטלעך-פאַרגאַנגענעם געלעכטער.
נאָר עפּשער האָט דער שטערן גאָר געלאַכט
פון מײַן טראַכטן וועגן ליבע אַף דער עלטער?
בעט איך אָט דאָס שטערן-קאָל, וואָס טראָגט זיך אין דער נאַכט,
אופוועקן וואָס אָפּטער דאָס האַרץ מײַנס מיט געלעכטער.
לעם ווידערקאָל פון ליבע איך שטיי איצט א געפּלעפּטער.

פּאַרטײַעטע װעגן...

פּאַרטײַעטע װעגן, װאָס שװײַגט איר?
עפּעס דוכט זיך מיר אױס, אַז איר האָט פֿאַרלױרן דאָס לאַשן?
װען בײַשכײנעס מיט אײַך דאָרט אױף אײנצלנע װעגן
שלעפּט די פֿאַלשקײַט זיך אום און הערט ניט אױף לײַגן...
דערמאָן איך די װעגן, זײ זאָלן ניט שװײַגן,
זײ זאָלן שלאַגבאַומען און פֿלױטן צעשטעלן,
פֿאַרהאַלטן דעם שעקער, ניט לאָזן זײַן הערשאַפֿט צעשפּרײטן,
און אױב ער װעט פּרוּװן איבערצוקריכן די שאַרפֿע פֿאַרשניצטע
שטאַכעטן,
װעט די ערד אױף אים אָנטאָן די פּענטעס די שװערע
פֿון אײַזערנע קײטן.
און זאָל ער ניט װאַגן אַפֿילע קײן ראַכמים בא קײנעם ניט בעטן.
בענטש איך די ערד, װאָס העלפֿט אונדז די פֿאַלשקײַט פֿאַרטרײַבן,
בענטש איך די װעגן, װאָס לאָזן מער קײנעם ניט לײַגן.
בענטש איך דעם עמעס, װאָס װערט, װי די זון ניט פֿאַרלאָשן.
און װינטשעװען װעל איך דעם שעקער, אַז בלײַבן זאָל ער אָן לאַשן.

קלאַפּט אָן די לעװאָנע

מיט דערשראָקענע אױגן קלאַפּט אָן די לעװאָנע
צו מיר אינעם פֿענצטער באַנאַכט:
גיב אַ קוק, װי פֿאַרפּלאָנטערט
איך הענג צװישן קליאָנען
און כ׳זע ניט דעם מילך-װעג אױף דעם הימלשן שליאַך.
בעט איך דיך, העלף מיר מײַן אױסװעג געפֿינען,
אַז װידער מײַן ליכט זאָל באַלײַכטן די װעלט.
צעשנײַד איך דעם פּלאָנטער פֿון צװײַגן פֿון גרינע,
װאָס האָבן איר אױסזען אין הימל פֿאַרשטעלט.

* * *

מיר דוכט, אז די זון זעט אויס ווי בארויגעז,
וואָס צו איר קומט קיין מענטש אדהײַעם ניט צו גיין,
צו איר פרײַנט, דער לעוואָנע, איז מען ניט איין מאָל געפלויגן,
געטאָגט און גענעכטיקט,
ווי בא זיך שוין אין דר׳היים.
איז פארוואָס קומט ניט קיינער צו איר אויך צו גיין.
צי דען שרעקט די ווײַטקײַט זיי אָפּ נאָך ביז איצטערט,
ווארעמקײַט שענקט זי דער מענטשהײַט אומזיסט דאָך.
מיט שײַן זי באליכטיקט, באהעלט די לעוואָנע.
די דאָזיקע ליכט גיט זי שטענדיק פאר איר,
עס טרעפט, אז א מענטשן גיסט אָפּ די נעשאָמע
און ווייניק-וואָס טראכט ער אמאָל וועגן דיר.

צוגאסט

כאָטש כ׳בין א גאסט מיט קאָוועד צווישן געסט,
און פרײַנטלעך נעמסטו אוף מיך טאָמיד,
נאָר ווילסטו זײַן אן אָנגעלייגטער גאסט
און ניט פארמינערן דײַן קאָוועד
און אז קיינער זאָל דיך ניט פארשעמען,
איז גיי ניט אָפּט צוגאסט,
ווײַל יעדער אָפטער גאסט
עסט זיך אײַנעט יענעם.

* * *

ניטאָ אזא וואָלקן, וואָס זאָל מיר די בלויקייַט פארשטעלן,
ניטאָ אזא ווינט, וואָס זאָל מיך פארהאלטן אין וועג.
די שטויבן, וואָס גייען ארויס מיר אנטקעגן,
גיי איך אליין קעגן זיי אין געשלעג.
דורך שטויבן און זומפּן לייג איך דורך זיך א וועג.

* * *

אי פון דונערס, אי פון בליצן
איך אליין וועל זיך באשיצן.
הילף בא קיינעם כ׳וועל ניט בעטן,
פרעכע גוורע כ׳וועל צעטרעטן.
יעדער מענטש אין זיך דארף גלייבן
און פאר קיינעם זיך ניט פארנייגן.

* * *

ווען איך זאָל קענען הערשן אינעם הימל, ווי די זון,
אָוונט-צייַט אוועקגיין,
און אפּמאָרגן אופגיין ווידער,
וואָלט איך אויסגעוועון א וועלט
און געזען, ווי אומעטום ליכטיקט זיך און העלט,
ווי שאָטנס טרעטן אָפּ פון טאָלן און פון גריבער,
באהאלטן זיך פאר מיר מיט אָפּשייַ, דערעכערעץ.
אופגיין וואָלט איך וועלן, א צעשטראלטער פאר דער וועלט
און לייַכטן, ווי די זון, וואָס לעשט זיך ניט אינערגעץ.

* * *

אויב צו מײַן יוגנט קאָן איך זיך ניט אומקערן
און בלויז צו עלטקײַט מוז איך גיין פאָרויס,
ווײַל איך אָפּנעמען באַם הימל יענע טרײַע שטערן,
וואָס האָבן מיט מונטערקײַט באַהעלט מײַן יוגנטלעכן ברויז.
און זאָלן זיי באַליכטיקן אַצינדערט מײַנע וועגן,
כ'זאָל ניט פילן אַף דער עלטער, ווי די ליכטיקײַט גייט אויס.

* * *

פון יוגנט דעם פלאַם כ'האָב פאַרהיט ביז דער עלטער,
ווײַל געשאַנעוועט האָב איך איר דרייסטקײַט, איר ברויז,
טראָג איך אין האַרצן דעם פרילינג פון פעלדער
מיט בליִונג, וואָס לעשט זיך ניט אויס.
פאַרלעשן ווער קאָן אַזאַ פײַער,
וואָס כ'האָב בײַ מײַן פאָלק עס געיאַרשנט פונלאַנג?
איך האָב, ווי אַ שניטער, די סנאָפּעס צום שײַער
דורך סטערניעס געטראָגן מיט שטאָלץ און געזאַנג
און כ'האָב ניט פאַרלוירן קיין איינציקן זאַנג.
אויך איצט אַף דער עלטער איך פיל ניט קיין מידקײַט
און גרייט בין איך האָרעווען מיט אַלע באַגלײַך,
מיך שרעקט ניט פון יאַמען די גרויזאַמע טיפקײַט,
מיך וועט ניט פאַרהאַלטן קיין ברויזיקסטער טײַך.
און אויב ס'וועט מיר שווער זײַן, און אויב ס'וועט מיר ווי טאָן,
ווײַל ס'וועט מיר די עלטקײַט פאַרפּענטען די טריט,
וועל איך צערײַסן פון עלטקײַט די קייטן
און נאָכגיין מיט דרייסטקײַט מײַן יוגנט פוסטריט.

* * *

נאָך וואָס באַדאַרף איך בעטן הילף בײַ עמעצן,
אַז מיר וועט מײַן אייגענע גוורע אויך סטײַען?
קיין פרעמדן פאַרטרוי ניט די היימישע גרענעצן,
ניט ער איז געוועזן פון מײַן ערד דער באַפרײַער.
מײַן אייגענער נאָענט איז שטאַרקער פון פײַער,
היט איך אים וואַכזאַם, ווי אַ דינער אַ טרײַער.

ווען ס'וויינט אַ פויגל

ווען ס'וויינט אַ פויגל אין דער נעסט,
ווער זעט די טרערן זײַנע?
ווער זעט די פליגלען, די פאַרגליווערטע פון פרעסט,
וואָס קאָנען ניט ארומנעמען דאָס זיעלע דאָס טרײַע,
מיט וועלכער ער האָט יאָרנלאַנג געלעבט
און בלויז מיט איר געפלויגן אונטער הימלען, אונטער פרײַע.
איצטערט ליגט זי, ווי פאַרקאַרטשעט, אין דער נעסט
און קאָן זיך ניט דערוואַרטן אויף איר אייגענער לעווײַע.
טרויערט אַליין דער פויגל אין זײַן הוידענדיקער נעסט,
צעוויינט זיך, ווי אַ קינד, ווען ס'בלײַבט אַליין אין וויגל.
קום איך שטילערהייט צו גיין, ווי אַ מוטער, צו זײַן נעסט,
ברענג פאַר זײַן געליבטער מײַנע פעדערדיקע פליגל,
וואָס מײַן מאַמע האָט געבראַכט צו מיר, צו מײַן קינדערישן וויגל,
איך זאָל קענען, ווי אַ פויגל, אויך אַרומשוועבן אין הימל.
איז באַוויין זשע ניט דײַן גורל אין דער אויסגעבויטער נעסט,
ס'איז ניט דער הימל בײַ דער ערד, נאָר די ערד איז ביזן הימל...

* * *

זאָל זײַן דער בריק א שטרויענער
און זיך הוידען, ווי א וויג,
זאָל די שרעק אין הארצן לויערן,
זאָל זי וואקלען מיך און דויערן,
נאָר איך וועל זיך ניט אומקערן צוריק.
כ׳וועל ניט לאָזן זי בא ברעגן דאָרטן טרויערן
און אז די בענקשאפט זאָל צעבויטען איר געמיט,
וועל איך קומען אזא רויִקער, דערהויבענער,
דערווארעמט און פארפאליעט זײַן פון גליק.
שרעקט מיך ניט דער בריק איצט אָט דער שטרויענער,
וואָס הוידעט זיך און וויגט זיך ווי א וויג.

אײַנגעשפּארטע גלעקער

אײַנגעשפּארטע גלעקער קלינגען ערגעץ אויסעט
דאָס געזאנג פון דרייסטקײַט, די ליד פון אײנמאָל נײַן,
און א ווידערקאָל א ווײַטער אין צעבושעוועטן דרויסן
הילכעוועט דאָס זעלבע מיט קלינגענדיקע ברויזן,
וואָס צעטראָגן זייער אומרו איבער יאמען איבער גרויסע
און ווארענען די שיפן די גרויזאמע, וואָס פויזען,
אז מײַן יאכטעלע מײַן קלײנינקס וועט אין יאם-טיף ניט פארגײן.
גלעקערן די גלעקער אינעם אויסגעהוילטן דרויסן,
און ס׳ווידערקאָלט דער הימל דאָס געזאנג פון אײנמאָל נײַן.
זאָלן שטורכען עס די כוואליעס מיט די פלייצנדיקע שטויסן,
זאָל דער יאם זיך דאָרטן ווארפן מיט צעפלאמענדיקע ברויזן,
זאָל ער בושעווען, קאָמאנדעווען און ווילדעווען אין דרויסן,
נאָר מײַן גוורע אף דער יאכטע וועט ניט צאנקען, וועט ניט גויסען,
ווי די בעריכע די גרויסע וועט פון הימל ניט פארגײן.
הוידען די מאיאקן דאָס געזאנג פון אײנמאָל נײַן,
און עס ווידערקאָלט מײַן יאכטע און שווימט צו זיך אהיים.

* * *

די זון וועל איך ניט לאָזן בלײַבן איין אליין,
צו איר שקיע וועל איך קומען און מיט איר וועל איך פארגיין.
מיט איר וועל איך אוועקגיין, קעדיי מאָרגן אינדערפרי,
אופגיין זאָל איך ווידער מיט א פײַערדיקן גלי,
מיען זיך און האָר׳וועןאַט אזוי א גאנצן טאָג
מיט דער זון אוועקגיין נעכטיקן און זיך אומקערן פארטאָג.

אזא גרויסער מעהאלעך

אזא גרויסער מעהאלעך פון מײַן אייגענעם קאָל צו דעם עכאָ,
אזא ווײַטע צעשיידטקײַט
מיט דעם, וואָס איז לײַבלעך און נאָענט,
און מיר דוכט, אז די בענקשאפט זי פאלט אף מײַן האלדז, ווי א כאלעף,
נאָר די ערד רוקט זיך נאָענט צו מיר
און פארקירצט דעם מעהאלעך פון בענקשאפט,
וואָס קומט ווי א שפּארבער און פלוצעם באפאלט מיך.
טוליעט מײַן הארץ צו דער ערד זיך,
און כ׳הער, ווי זי שעפּטשעט אין אויער:
ניטאָ אזא וועג אף מײַן ראכוועס,
וואָס זאָל מיך ניט היטן פון טרויער,
ניטאָ אזא פעלד אף מײַן לאנדשאפט,
וואָס זאָל מיר ניט העלפן צו לײַדן,
נאָר ווי ווײַט ס׳זאָל ניט זײַן דער מעהאלעך
צום עכאָ פון פריידן,

צום עכאָ פון טרײַשאפט,
צום עכאָ פון פרײַנטשאפט,
וואָס קאָן מיט מײַן אייגענעם קאָל זיך ניט שיידן,
אלציינס וועט מײַן געמבע, דאָס באסקאָל פון דרייסטקײַט

דערוועקן די שטומקייט און צווינגען זי ריידן.
מײַן קאָל איז ניט איין מאָל געגאַנגען דורך געגעמס,
און דערהערט כ'האָב זײַן עכאָ מיט שטאָלץ פֿון גאַניידן.

* * *

כ'וועל נאָכגיין דעם עכאָ פֿון אייגענעם קאָל,
וואָס ענטפֿערט מיר אָפּ פֿונדערווײַטנס פֿאַרצאַרנט.
כ'וויל העלפֿן אים טראָגן זײַן שרעקלעכן אָל,
אי דעם עכאָ פֿון ווײַט, אי דעם עכאָ פֿון נאָענט.
איך וועל ניט דערלאָזן פֿאַרגיין זאָל דאָס קאָל,
וואָס טראָגט זיך פֿאַרצאַרנט פֿון באַרג און פֿון טאָל,
כ'וויל אַלעמען העלפֿן צו טראָגן דעם אָל:
אי דעם עכאָ פֿון פֿרייד, אי דעם עכאָ פֿון אומעט,
סײַ אָט דעם, וואָס איז ווײַט, סײַ אָט דעם, וואָס איז נאָענט.

פֿון די דרײַסיק פֿאַרגאַנגענע יאָר

(דעם 9-טן מײַ 1945)

הײַנט פֿײַערט די ערד דעם יוביל פֿון זיג,
גראָזיקע בערגלעך פּראַווען דעם יאָרצײַט פֿון טויטע,
און איך אין מײַן האַרץ טראָג ווייטעק און גליק,
אויך פֿריידן ניט ווייניק,
נאָר פֿריידן פֿאַרשטערטע.
ווײַל גרויס איז מײַן בענקשאַפֿט נאָך שלאַכטמענער יענע,
וואָס שרײַען פֿון בערגלעך אַרויסעט,
מיט קוילעס פֿון ביינער, וואָס זײַנען צעשאָטן, צעדרויבלט,
מיט הערצער פֿאַרשוואַרצטע, מיט אויגן פֿאַרגלויבטע,

דוכט מיר אויס, ווי זיי גייען איצט אַלע
דעם יוֹיוול צו פּראַווען
אין נאָמען פון די, וואָס ווילן ניט ליגן ווי טויטע.
מײַדאַנעקער גייען אין אַשיקע קליידער,
צוזאַמען מיט זיי גייען אויך אַשוויצער־שימער,
און איך אַף די פּלייצעס טראָג קינדערשע ביינער
און ברענג זיי צו טראָגן צו זיך אין מײַן צימער
און לייג זיי צונויף, ווי ניט דערשריבענע לידער.
איך ווייס, אַז אין טרויער איך בין איצט ניט איינער,
נאָר אונטער דער ערד ליגן ייִדישע ביינער
אַף הפקר צעוואָרפן, ווי ס'ווערן פאַרוואָרפן
וואולקאַנישע שטיינער,
דרײַסיק יאָר! און ביז איצט איז מײַן האַרץ נאָך פאַרקילט
אין טרערן אין שווערע, וואָס רינען ניט אויס פון די אויגן,
עס ווערט אַף קיין רעגע מײַן ווי ניט געשטילט,
ווי דאָס האַרץ באַם פאַרסאַפּעטן פויגל,
וואָס יאָגט זיך אַף פליגלען געשווינד
צו ווײַטע, צו זויבערע הויכן.
דרײַסיק יאָר שוין אַוועק. צי איז דאָס א סאַך,
צי עפּשער גאָר ווייניק,
נאָר ביז איצט עסן אויס מײַנע אויגן
אָט יענע מײַדאַנעקער רויכן,
וואָס זײַנען געגאַנגען פון פלאַמיקע אויוונס,
פון מאַמעס און קינדער פאַרברענטע,
אַך, ווי גרויס איז דער ווייטעק,
ווי פריש איז די וווּנד נאָך.
עס וועלן פאַרבלײַבן אַף דורעס אַף אייביק
אי פרייד פונעם זיג,
אי ווײ מיט באַשטענדיקן ווייטעק
פאַר יענע, וואָס וועלן שוין קיינמאָל ניט קומען צוריק.
יוֹיוולט די ערד איר באַליכטיקטן זיג,
און בערגלעך זיי פּראַווען דעם יאָרצײַט פון טויטע.

יעדער קוסט

יעדער קוסט דער פאַרבליבענער,
יעדער איינציקער בוים אינעם טאָל דער פאַרטריבענער,
וואָס שטייען אָט דאָ, לעם פאַרשאָטענע גריבער,
ווו ס'ליגן אומשולדיקע שוועסטער און ברידער,
זיי זײַנען אי אײדעס, זיי זײַנען אי ריכטער,
זיי זײַנען געקומען צו מישפּטן איצטער
דע מערדער, וואָס האָבן די שטראָף אויסגעמיטן.
און איך בין געקומען צו זיי, ווי א דיכטער,
זייער הייליקן גערעכט, ווי א דענקמאָל פאַרהיטן.

כאַווער זיך שטענדיק

כאַווער זיך שטענדיק מיט לײַטישע מענטשן,
מיט זיי מעגסטו טיילן דײַן גוטסקײַט, דײַן טרײַשאַפט,
מיט זיי זאָלסטו פעדעם פון פרײַנטשאַפט פאַרוועבן
אין הארצן אלס שטאַרקער,
אז קלענער זאָל ווערן דאָס קנײַלכל פון פײַנטשאַפט,
וואָס קניפּלט און פּלאָנטערט און סאַמט אָפּ דאָס לעבן.
מעגסט אכטן דײַן כאַווער נאָך מער ווי אליין זיך
(נאָר אויכעט מיט אנדערע זײַ ניט צעקריגט),
געטרײַ זײַ דעם מענטשן, ווי א מאַמע איר דרײַלינג,
וואָס לאָזט ניט קיין קינד זאָל אין טרערן פאַרגיין זיך,
ווען עמעץ פון זיי אינעם וויגל צעשרײַט זיך,
הוידעט זי אלע מיט טרייסטונג זיי אײַנעט,
אז דאָס הארץ זאָל בא קיינעם ניט ווערן צעפּײַניקט.
ווי א מוטער געטרײַ כאָוועט אויס אירע קינדער,
אזוי זאָלסטו כאָוועט דײַן טרײַשאַפט צו פרײַנט,
כאָטש יעדער פון אונדז גייט אין לעבן באַזונדער,

כאָטש יעדערער ווערט מיט זײַן גורל באַשײַנט,
נאָר די ערד לעבט מיט אונדז אין א שווערן יאָרהונדערט
דאַרף איינער דעם צווייטן זײַן הילפיק, ווי פרײַנט.

ווער האָט אויסגעקליבן בלויקייט

ווער האָט פאַרן הימל אויסגעקליבן בלויקייט
און ווער האָט אויסגעטראַכט
אָט די כמאַריקע גרויקייט?

ווי א שטערן וויל איך לעבן אין דער בלויקייט,
שטענדיק לײַכטן אונטער כמאַרעדיקער גרויקייט,
ווײַל העכער ווערט דער הימל אין זײַן הויכקייט,
ווען טיפער איז זײַן שטערנדיקע בלויקייט.

דעם ניט־פאַרגינער

ניט דו האָסט מײַן יוגנט באַצייכנט
און ניט דו וועסט באַשײַנען מײַן עלטער,
פון קינדווײַז מײַן האַרץ האָסט פון פריידן אַנטוויינט,
געשאָכטן מײַן גליק, ווי אַן עמעסער שעכטער.
ווען איך האָב פאַר ווייטעק ניט איין מאָל געוויינט,
האָסטו זיך געשטיקט פון געלעכטער.
נאָר אײַנגעשפּאַרט בין איך געגאַנגען אַליין
צום שנייִקן באַרג־שפּיץ, געקלעטערט אַלץ העכער,
כאָטש דו האָסט געטרוימט און געוואָלט מיך דערזען,
ווען איך וועל א פאַל טאָן פון באַרגיקער הויכקייט,
אַזויווי א קאַלטער פאַרגליווערטער גלעטשער.
נאָר איך בין געקראָכן אַלץ העכער און העכער.

כאָטש דו האָסט צעשאָקלט די טרעפּ פון מײַן לייטער,
האָב איך זיך דערוויַיטערט פון קינע פון דײַנער,
דערוויַיטערט איך האָב זיך פון כוצפּע דײַן פּרעכער,
מײַן דרייסטקײַט זי האָט מיך דערהויבן
צום בארג-שפּיץ אַלץ העכער.
די ערד האָט מײַן יוגנט מיט בלײַונג באַכיינט מיך,
וועט זי אויך באַשײַנען מײַן וועג אַף דער עלטער.

צוויי קויכעס

צוויי קויכעס אין מײַן הארצן האָבן פּלוצעם זיך צעשטויסן
און אין ראַנגלעניש געוועַנדעט זיך צו מיר,
פאַרוואָס האָט זיך פאַרהאַלטן דער פרילינג אינעם דרויסן
און די וואַרעמקײַט פאַרביטן אַף א העסלעכן געפריר.
ביזוואַנען וועט עס דויערן, ביזוואַנען איז דער שיר?
האָבן פרילינג-סטרונעס דינע אין מײַן הארץ די אָנגעצויגענע
קלינגענדיק געענטפערט מיט א ציטערדיק באַריר,
יעדער סטרונע האָט זײַן קלאַוויש, זײַנע קלאַנגען אײַנגעבוירענע
און אויב דער שפּילער האָט פאַרשפּעטיקט,
וואַרט געדולדיק דער קלאַוויר.
ס'וועט די שיינקײַט פון מעלאָדיע ניט בלײַבן קיין פאַרלוירענע,
ווײַל די צאַרטקײַט פון געזאַנגען
זי וועַרט אָפּגעהיט אין מיר.
אויב אין דרויסן איז ניט פרילינג
און ס'ווייט מיט שנייִקן געפריר,
שפּילט אין הארץ מײַנעם די בלײַונג
אַף ווײַסע קלאַווישן בא מיר.

אָט די כמאַרעס

אָט די כמאַרעס, אָט די ווײַסע די פּילשנײַקע,
זיי זײַנען פאַר די פעלדער ביז גאָר נייטיקע.
די שנייען, וועלכע שיטן איצט און שיטן,
זיי וועלן אַלע קערנער פון פאַרקילעכצן פאַרהיטן.
זיי וועלן דאָרט דערוואַרעמען די קערנדלעך די קלייגע,
אַז אופגיין זאָל א זאַטקײַט אַף די פעלדער די פאַרזייטע.
אַף די שניילעך די נאַסינקע איך האָב ניט קיין פאַריבל,
ווען מאַכנעסווײַז זיי פאַלן און שיטן פונעם הימל.
אויב ערגעץ-ווו א שניילע פאַרגאַנוועט זיך אין האַלדז מיר,
צעגייט עס דאָרטן טייקעף, כאָטש ס'ווערט א ביסל קאַלט מיר.
נאָר זאָל מיך אָפּט באַגעגענען פון שנייען אָט די קאַלטקײַט,
וואָס וואַרעמט אויס די זריע און דערמוטיקט אויך מײַן אַלטקײַט.

א קליין שטיקל ערד

דאָס שטיקעלע ערד, וואָס ליגט לעם מײַן פענצטער,
האָב איך פאַרזייט מיט קאָלערליי גרינסן,
ס'זאָל קיינמאָל ניט בלאָנקען דער הונגער-געשפּענסטער
אָט דאָ לעם מײַן הויז, בא מײַן ליכטיקן פענצטער,
און אַז יעטווידן האַרבסט זאָל איך קענען פון זאַטקײַט געניסן,
געניסן פון מײַנע פאַרהאָרעוועטע גרינסן,
דערקוויקן דאָס האַרץ מיט אייגענע פּרוכטן,
וואָס האָבן מיט רײַפקײַט פאַרשאָטן
די עטלעכעביימלעך אין גאָרטן,
אָט דאָ אַף מײַן פּאַסיקל ערד.
און זאָל זיך קיין איינעם אַפילע ניט דוכטן,
אַז עס קאָן אַף א ברעקעלע ערד
ניט אופגיין קיין וואָגיקע פּרוכטן:
גיט א קוק, וועט איר זען, ווי ס'האָט זיך די שעפע פאַרמערט
מיט וווּנדערלעך-פרישע געבורטן.

6—2303

* * *

אָפּזוכן וועל איך די פונקען,
וואָס דו האָסט פון פרײַנטשאַפט פארלאָשן,
צעבלאָזן כ'וועל ווידער דאָס פײַער,
די פלאַמען, וואָס זײַנען מיר טײַער,
וואָס דו האָסט אומזיניק פארלאָשן.
איך וועל ניט פארלאָזן דאָס פײַער
פון מײַנע צעטריבענע פונקען,
ביז אומקערן כ'וועל ניט צו אלע
זייער פלאַמיק פארלוירענעם לאָשן.

כ'האָב געיארשנט

איך האָב בא מײַן מאַמען געיאַרשנט איר צניעס,
פּראַסטקײַט גענומען באַם פורמאַן דעם זיידן,
ליבשאַפט צו מי — בא מײַן טאַטן דעם סטעלמאַך,
וואָס געהאָרעוועט האָט שטענדיק
אי שווערלעך, אי הערלעך.
און ווייניק פארמאָגט האָט ער נאַכעס און פריידן.
נאָר ביז איצט היט איך אָפּ אָט די טײַערע מידעס
און כ'וועל זיך מיט זיי ביזן טויט ניט צעשיידן.

* * *

שאַלאָם! שאַלאָם!
אָט די ווערטער די ערשטע אף ביידעמענס ליפּן,
ווי נאָר עס באַגעג'נען אין וועג זיך צוויי יידן.
פון דוירעסלאַנג טראָגט דאָך מײַן פאָלק אָט דעם ווילן,

אַז שטילשטאַנד זאָל הערשן און אויסמײַדן קריגן.
ברענג איך שטענדיק צו טראָגן די דאָזיקע ווונטשן
פאַר יעטווידן איינעם,
און זאָג בעקאָל ראָם:
זאָל הערשן בלויז פרידן,
שאַלאָם! שאַלאָם!

שטעל זיך פאָר, מײַן פרײַנט

נו, שטעל זיך פאָר מײַן פרײַנט,
ווען די שטילקײַט אַף דער וועלט שטאַרבט אָפּ
און אומרו ווערט אפן ערד-קײַלעך דער הערשער,
וואָלטן וויוגעס מיך געוואָרפן, געשלעפּט מיך באַרג-אַראָפּ
און איך וואָלט זיכער אין אַן אָפּגרונט אויסגעגאַן דער ערשטער.
ווײַל אָן שטילקײַט אַף דער ערד איז לעבן דאָך אומעגלעך,
ווי לעבן בלויז אין אומרו איז אויכעט אומדערטרעגלעך.
וויל איך לעבן אי אין אומרו, אי מיט מונטערדיקער שטילקײַט,
וואָס זאָל קיינמאָל אינעם לעבן ניט זײַן פאַר קיינעם ניט געפערלעך.

נידעריק פלי ניט

אויב פליגלען פאַרמאָגסטו זיכערע, פעסטע,
איז נידעריק פלי ניט,
הייב אויף זיך אַלץ העכער, צו בלויקײַטן שענסטע,
ווּעסטו ווערן פאַרגאַפט און פון וווּנדער פאַרכלינעט.
וואָס העכער הייבסט אויף זיך צו קאָסמישע הייכן,
אַלץ שענער און בוילעטער זעט אויס דער נידער,
וואָס שטאַרקער דײַן שווּנג, אַלץ זיכערער פליסטו
און יעטווידע דראָונג שפּרינגסט שטענדיק אַריבער.

כאָטש כ׳בין אפֿן פֿראָנט ניט געווען

איך בין אפֿן פֿראָנט ניט געווען,
קיין שלאַכטפֿעלד איך האָב ניט געזען,
נאָר ביז איצט איז פֿאַרבליבן אַן אָנדענק בײַ מיר
מײַן כאַווערס פֿאַרגעלטער שינעל,
די קירזעווע שטיוול מיט כאָליעוועס האַרטע,
וואָס קוקן אויף מיר פֿון זײַן ליכטיק באַרעמלטער קאַרטע.
דוכט מיר אויס,
אַז איך גיי דורך אַ ריזיקן שלאַכטפֿעלד
און טראָג זײַן שינעל אויף מײַנע ניט פֿראָנטישע אַקסל,
אַ װײַט העסלעכער ווינט צעבויטעט די רויקע וועלט,
און מיט פֿראָסטיקער קעלט
בלאָזט ער אַן מײַנע ליידיקע אַרבל.
נאָר דורך פֿײַערן גיי איך און גיי,
און ווער ניט פֿאַרברענט,
כ׳זוך אויף אפֿן שלאַכטפֿעלד מײַן כאַווערס פֿאַרלוירענע הענט.
און אויף זיי כ׳שלעפּ אַרויף די ווינטיק צעהוידעטע אַרבל.
איך לאָז זיך אַהיים אויף צוריק, דורך אַ ברייטן צעבליִעטן פֿעלד,
וווּ ס׳שמעקט נאָך מיט פֿרישע באַטוויקטע גאַרבן,
מיט דרייסטקייט מיט זײַנער פֿאַרהיטן די שטילקייט פֿון וועלט.
עס וועט זײַן געוואַגטקייט און רום
אָט דאָ אויף דער רוסישער ערד
דורך קיינעם ניט ווערן פֿאַרגעסן און קיינמאָל ניט שטאַרבן.

* * *

אַ טראָפּן איך יאָם זעט זיך ווייניק וואָס אָן,
אַ טרער, ווי אַ טראָפּן, איז גרויס, ווי מײַן אַל.
אַ טראָפּנדל פֿרייד, וואָס קומט צו מיר שטיל,

באזעץ איך אין הארצן בא זיך אויבנאָן.
א טראָפּנדל פּרייד איז גרויס, ווי דער יאם,
און א טראָפּן אין יאם זעט זיך קיינמאָל ניט אָן.

ניט בעט דעם יאם

באם יאם ניט בעטן זאָלסט קיין הילף,
בא זיינע כוואַליעס זאָלסט קיין ברויז ניט נעמען,
אויב פירן קאָנסטו ניט אליין די שיף,
דורך נעפּלען קאָנסטו ניט דיין ברעג דערקענען,
איז ווער דערלויבט האָט דיר דעם רודער נעמען,
און קערעווען בלאָנדזשענדיק די שיף,
ניט ווייסנדיק צו וועמען?
מיט דיין שווימען בויטעסטו די קלאָרסטע טיף,
דעם ברייטסטן יאם-וועג מאכסטו אומרייין מוטנע,
אויב פירן קאָנסטו ניט אליין דיין שיף,
איז שעם זיך ניט און גיב זיך אונטער.
א געניטער רודערער ניט בעט קיין הילף,
ער פירט די שיף זיינע אי דרייסט, אי מונטער.

אָט דער בוים, ווי א וועכטער

אָט דער בוים, וועלכער שטייט, ווי א וועכטער, באם פענצטער
שוין העכער פופציק יאָר,
ווייסט ניט אוודאי, אז אויך איצט אף דער עלטער
איז זיין שיינקייט מיר ליב און איז מיר צום הארצן ביז גאָר,
כאָטש ס'הענגען שוין צווייגן געהוילטע, פארנייגטע, אָן בלעטער,
ווי בא מיר אפן קאָפּ די געציילטע פארבליבענע האָר.
נאָר איך בין אן איידעס פון קינדהייט זיין שיינער,

ווען ער האָט מיט דינינקע וואָרצלען
זיך נאָרוואָס לעם פענצטער געשטעלט.
און ביז איצטערט ווייסט דאָך ניט קיינער,
קיין איינציקער פויגל, וואָס לעבט אזוי לאנג צווישן וועלדער,
אַז איך מיטן בוים, מיר זײַנען קימאַט אין איין עלטער,
נאָר ער וועט פארבלײַבן נאָך לעבן,
ווען איך וועל אוועק פון דער וועלט.
ווילט זיך מיר בלויז דעם בוים צו זײַן יויוול איצט ווינטשן,
ער זאָל יאָרנלאנג בלײַען אויך ווײַטער
און קיינמאָל ניט ווערן פארוועלקט.

* * *

ס'האָט קיינער אזוי ניט פארבענקט זיך נאָך ליבע,
ווי איך,
ווײַל וויפל אליין איך געדענק זיך,
האָב איך דורכפאלן שטענדיק בא פרויען געהאַט.
גיי איך איצט אום אפן שלאַכטפעלד פון ליבע,
ווי אַן אויסגעדינט-אַלטער סאָלדאַט.
כאָטש אין הארצן בא מיר איז פארבליבן
יענע בענקשאפט נאָך איר,
וואָס זי האָט אָן מיטלײַד פארטריבן
און קיינמאָל פון מיר ניט געטראַכט.

פאלט א שניי...

פאלט א שניי אין כוידעש יוני,
א ווײַסער שניי פון קאשטאנען-צוויט.
נאָר עפּעס דוכט מיר, אַז דעם בוים טוט וויי,

וואָס ער באַצײַטנס האָט ניט געקאָנט פֿאַרהיטן
אָט די ווײַסע שמעקנדיקע צוויטן,
וואָס פֿאַלן אָן א כיישעק אויף דער ערד,
און ביסלעכווײַז מײַן גרויקײַט ווילן זיי פֿאַרשיטן.
זאָמל איך צונויף יעדעס בלעטעלע באַזונדער,
אָט די שנייען־צוויטן וואַרעמע, וואָס קאָנען ניט צעגיין,
אָט דעם ווײַסן, אָט דעם בליִענדיקן וווּנדער
ברענג איך שטיל צו טראָגן איצט אַהיים.
אַז בלײַבן זאָל די דופטיקײַט פֿון ביימער
אין מײַן האַרצן, וואָס וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגיין.

* * *

אויב גרויזאַמע שרעק וועט דיר דעם וועג דײַנעם פֿאַרשטעלן
און גיין פֿאָרויס וואָס ווײַטער וועט דיר ווערן שווער,
איז שטילערהייט צינד אָן פֿון דרייסטקײַט אַלע שטערן
אין אַ זומערדיקן הימל פֿאַרוואַנדלט זי די ערד,
און לאָז זיך גיין אַליין, וווּהין ס'איז דיר געפֿעלן,
אָפּזוכן דײַן גורל, דײַן גליק, וואָס ס'איז באַשערט.
זאָל די מונטערקײַט דיך טרײַבן מיט אײַנגעשפּאַרטער דרייסטקײַט
אַז הינטערשטעליק זאָלסט ניט בלײַבן,
ווען צו ליכטיקײַט דו גייסט.
ברענג צו טראָגן איר די וואַרעמקײַט פֿון מוטערלעכער טרייסט,
צו ראַכוועסן פֿון ליבע גיי האָפֿערדיק און דרייסט.

מײַן אייגענעם פּאַכעד

מײַן אייגענעם פּאַכעד פֿאַרשפּאַרט כ'האָב אין טפּיסע,
זאָל ער זיך מוטשען אַליין אין דער קאַמער,
און איך וועל אַרומגיין פֿון פֿרײַהײַט געניסן,

דערפרישן דאָס הארץ מײַנס מיט זוניקן װאַרעם,
שאָענװײַז הערן דעם שװאַלביקן ליאַרעם,
װאָס װײסט פון קײן שרעק ניט און װיל אים ניט װיסן.
איז פײַניקן זאָל זיך דער פּאַכעד אין קאַמער,
און איך װעל פון לעבן אַלץ מערער געניסן.
זײַן װעט געװאַגטקײַט מײַן שטענדיקער כאַװער,
און שרעק װעל איך האַלטן פאַרשפּאַרט אין דער טפיסע.

כ׳װעל ניט דערלאָזן

כ׳װעל ניט דערלאָזן, זאָלסט מײַן הארץ פאַראַנקערן,
װי א קלײנינק שיפל צו אַן אָפּגעפרעמדטן ברעג,
כ׳װעל ניט דערלױבן, זאָלסט מײַן בענקשאַפט
שטאַרקער נאָך צעפלאַקערן,
װי א שײַטער א פאַרלאָזטן צװישן סקירדעס אינעם סטעפּ.
און אז דער װינט, װאָס באַלעבאַטעװעט אין אָנגעגליטן דרױסן,
זאָל די פײַערן צעװאַרפן און פאַרױכערן די װעלט,
און דו זאָלסט מיט א גלײַכגילט
קומען װאַרעמען די הענט,
װײַל עס אַרט דיך ניט מײַן בליִונג,
װאָס װערט ביסלעכװײַז פאַרלענדט.
װעל איך קײנעם ניט דערלאָזן, ס׳זאָל מיך עמעצער פאַרפירן
אין צובינדן מײַן גורל צו א דראָענדיקן ברעג,
אױב פאַראַנקערן דאָס הארץ מײַנס װעסטו װעלן, װי א שיפל,
איז בלױז צו יענעם האַפן, װוּ ס׳רוען פײַנע שיפן,
און צװישן זײ מײַן שיפל זאָל זיך ניט פילן פרעמד.

געוווינ זיך צו

געוווינ זיך צו צו לײַדן פון באַרעכטיקטן טרויער,
נאָר לעב זיך ניט אײַן מיט קיין זינלאָזער פרייד,
אויב אפילע די שווערקײַט דײַנע געדויערט,
פאַרווערטיל ניט קיינמאָל דעם דאָזיקן טרויער,
ווײַל דאָס, וואָס איז ליב דיר, האָסטו דערגרייכט.
פון זינט איך געדענק זיך, איז מיר שטענדיק דערווידער
דערגרייכן אין לעבן א זאך גרינגערהייט.
ס'איז גוט, ווען עס ווייטעקט דאָס האַרץ בא דעם דיכטער,
און ס'קומען אויף לידער דורך פּײַן שווערערהייט.

* * *

אויב פרייד דײַן אייגענע וועט דיר ניט סטײַען,
ניט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דײַנע פרײַנט,
איז קום צו מיר צו גיין, איך וועל פריידן דיר אנטלײַען,
וויפל דו באַדאַרפסט. פאַר דײַן מאָרגן, פאַר דײַן הײַנט.
און אויב פאַר מיר אליין, וועט ווייניק פרייד פאַרבלײַבן,
ווײַל צופיל האָב איך אָפּגעגעבן דיר,
וועל איך אויפשליסן בא פייגלען די פרימאָרגנדיקע שטײַגן,
ווי ס'קלעמט זיי נאָך די ענגשאַפט און די בענקשאַפט אָן א שיר,
און די פרייד פון זייער פרײַהײַט אין מײַן האַרצן וועל איך קלײַבן,
זאמלען זי וואָס מערער פאַר דעם, וואָס נייטיקט זיך אין איר.

* * *

פון די אויגן טריפט איר שיינקײַט,
פון איר האַרצן קוועלט די ריינקײַט,
פון איר שמייכל ווייעט מילדקײַט,

אף די ליפּן מורמלט שטילקייט,
וואָס באפליגלט און דערוואַרעמט
יענע זויבערדיקע רעגעס,
יענע יוגנטלעכע פלאַמען,
וואָס האָבן לאַנג שוין אָפּדערעמעס
אונדז באַהעפטיקט דאָן צוזאַמען.
און אַוועק זײַנען אויף אייביק
אַלע פינצטערע באַגערן,
ס׳האָבן הערצער זיך פאַרייניקט
בלויז מיט בלויקייט פון די שטערן.
איז זאָל זי טריפן אָט די ריינקייט,
איז זאָל באַגלייטן מיך דײַן שיינקייט,
זאָל זי ווייען אָט די מילדקייט,
וואָס פאַרפלאַנצט אין האַרצן שטילקייט,
וואָס באַהעלט מײַנע פאַרלאַנגען
מיט דײַנע רירנדע געזאַנגען
און פאַרלענגערט מײַנע פרײדן
און פאַרברייטערט מײַנע ברייטן.
זאָלן דויערן די טרוימען,
ווי העלע שאָטנס פון די ביימער,
נאָר ניט ווי שאָטנס פון קיין פויגלען,
וואָס פאַרשווינדן פײַל פון בייגן,
ווי דײַן בליק צו מײַנע אויגן.
כ׳וויל, ס׳זאָל דויערן די שטילקייט,
כ׳וויל, ס׳זאָל ציִען זיך דײַן מילדקייט,
כ׳וויל, זאָלסט שטענדיק זײַן מײַן שוימער,
ווי אַ וואַלד, וואָס היט די ביימער.

אן אָפּגעזונדערט וואָלקנדל

א וואָלקנדל א ווײַס, אין דער הייך אן אָפּגעזונדערטס,
שווימט אין הימל אום אליין,
ווי א פארבליבן שטיקל אײַז,
ווען פארשוווּנדן ווערט דער ווינטער.
נאָר ווען דער פרילינג אף די טײַכן זיך באַווײַזט
און דאָס פליסן פון די שטראָמען, ווערט לויטערער און גרינגער,
בין איך צופרידן, ווען דאָס וואָלקנדל אין הימל
צעגייט אויך ווי דאָס אײַז,
און דאָס האַרץ מײַנס, ווי דער פרילינג, ווערט מונטערער און יינגער,
און ס׳דוכט מיר ווי מײַן גרויקײַט, וואָס ווי שנייען איז זי ווײַס,
ווערט ביסלעכווײַס אנטרונען און צעגייט אויך, ווי דאָס אײַז.

ווו נעמט מען אזא ווינט

ווו נעמט מען אזא ווינט, וואָס אומברענגען זאָל ער בלויז
צעפוילטע צווײַגן,
פעסטע זאָלן בלײַבן אָפּגעהיט, פארהיט
פון דער שטארקסטער צאָפּנדיקער קעלט.
ווו נעמט מען אזא ווינט,
וואָס זאָל צעטרײַבן און פארטרײַבן
אלע ליידן פון דער וועלט?
אויב ניט פאראַן איז אזא ווינט נאָך,
וועל איך אליין אים איצט באשאפן,
אז ווען כ׳וועל דארפן,
זאָל ער קומען און צעווייען
אלע דײַגעס, אלע ווייען,
וואָס באפאלן ווי שאַקאלן
מיט די ציינערדיקע שארפן
אף די פריידן, וואָס מיר דארפן,

און אויך אף פריידן, וואָס מיר וואַרטן.
כ'וועל א ווינט אזא באשאפן,
וואָס זײַן ווייעניש זאָל ברענגען
אלדאָס גוטס, וואָס מיר באדאַרפן,
און דיליידן, און די פלאָגן
ער אליין וועט זיי פאַריאָגן,
ווי די לעצטע שוואַרצע שנייען,
וואָס די ערד באדאַרף ניט האָבן.

ניט יעדער געשריי

ניט יעדער געשריי, וואָס פאַרשווינדט,
פאַרנעמט אויך דעם עכאָ מיט זיך,
ס'קאָן זײַן, אז ער בלאָנקעט אצינד
און זוכט דאָס פאַרגאַנגענע קאָל,
וואָס ווערט אף דער ערד ניט געשטילט.
ווײַזט אויס, אז דעם ווי פון אָט יענעם געשריי
האָט דער עכאָ פונווײַטן דערפילט,
קאָן ער ביז איצטער ניט ווערן צעשיידט
מיטן קאָל פון פאַרצאַרנטער לייד,
וואָס טראָגט זיך אין רוימען און ווערט ניט געשטילט.

כ'ווייס אליין ניט

כ'ווייס אליין ניט, מיט וואָס צו דערקלערן,
פאַרוואָס אזוי אָפט קומט אן אומרו צו גיין
און מאַטערט מיך איסעט גאַנצענע נעכט.
צי מיינט ער, דער אומרו, אז איך בין א שטערן,
וואָס רוט ניט באַנאַכט,

ווײַל מיט בלויקײַטן זײַנע באַלײַכט ער די וועגן,
ווו ס׳בלאָנדזשען נאָך שאַטנס אַף יעטווידן שליאַך.
און בלויז צו קאַיאַר,
ס׳זאָל קײנער ניט זען און ניט הערן,
רוט ער זיך אויס זײַנע בײנער, דער וואכזאמער שטערן,
בא זיך אַף זײַן הימל-געלעגער,
ווי ס׳רוט אין קאַזאַרמע זיך אויסעט דער זעלנער,
ווען ער קומט אזוי מיד פון באנאכטיקער וואך.
נאָר איך וואָס זאָל טאָן?
אז ווי נאָר כ׳דרעמל אײַן און די אויגן כ׳פארמאַך,
באפאלן מיך שווערע כאַלוימעס, וואָס פירן מיך ערגעץ אוועק.
און כ׳ווייס ניט ביז איצטער, ווי רופט ער זיך אָן אָט דער ערגעץ,
וואָס האָט ניט קײן אָנהײב, קײן סאָף און קײן גרענעץ.
נאָר עפּעס א שײנקײַט זי נעסטעט זיך אײַן אין מײַן טיפן זיקאָרן,
גלײַך איך וואָלט אצינדערט מעגולגל געוואָרן
אין אָט יענעם צעפינקלטן שטערן,
וואָס רוט ניט באטאָג און באנאכט,
און קאָן אַף קײן רעגע אנשלאָפן ניט ווערן.
ס׳זאָל קײנער ניט קומען די שטילקײַט צעשטערן,
שטײען מיר בײדע אצינד אַף דער וואך,
ער — אין זײַן אײגענעם הימל, און איך —
אַף מײַן הײמישן שליאַך.

אָפט דוכט מיר אויס...

אָפט דוכט מיר אויס, אז די שטערן, ווי א סטאדע שאָף,
אינעם הימל דרעמלען,
און די לעוואָנע, ווי א פאסטעך, באַליכטיקט זײער שלאָף
און באוואכט דאָרט זײער רו, אז קײנער זאָל ניט טומלען.
כ׳וואָלט אויך געוואָלט א פאסטעך זײַן פון שאָף,
וואָס טוליען זיך מיט פרײַנטשאפט אײנס צום צווײטן,

ניט דערלאָזן וועל איך קיינעם צעשטערן זייער שלאָף,
מיט אָומטיקער שטילקייט זיי זאָלן זיך צעשיידן.
אז פון סטאדע ניט פארבלאָנדזשען זאָל קיין שאָף,
באליכטיקט די לעוואָנע זייער שלאָף,
און איך וועל, ווי א פאסטעך אף דער ערד,
פון געפארן אָפהיטן זיי ביידן.

לאָמיר אויסגראָבן פון גריבער

לאָמיר אויסגראָבן פון גריבער די פארשניטענע פריידן,
וואָס ליגן נאָך ערגעץ אף וועגן פארלאָזט,
די פריידן, וואָס זיינען פארוואקסן מיט מאָכיקע ליידן,
פארשאָטן, פארגליווערט מיט שפרענקעלעך פראָסט,
איז לאָמיר צוזאמען דערפרייען די פריידן,
וואָס עמעצער האָט אף זיין וועגלאָז פארלאָזט,
און די קנאָספעלעך ערשטע פון פרישינקע ליידן,
וואָס האָבן זיך נאָרוואָס אף צווייגלעך צעלאָזט,
זאָלן זיי בלייבן אין איינזאמקייט הענגען,
ווי אייזיקע צעפלעך, ווען ס׳ברית נאָך דער פראָסט.

איך קום דיר מעלדן

דו אליין האָסט דערמאָרדעט מיין גלויבן אין דיר,
צעבראָכן מיין טריישאפט, וואָס איך האָב געכאָוועט,
ווייל דו האָסט מיט פרעכקייט פארנומען בא מיר
דאָס ביסעלע גוטס, וואָס כ׳האָב ערלעך פארהאָרעוועט.
קום איך דיר מעלדן, ס׳זאָל יעדערער וויסן,
אז פון גוטסקייטן פרעמדע וועסטו לאנג ניט געניסן.
אנטפלעקט כ׳האָב פאר יעדן דיין פאלשן געזיכט,

דײַן שטענדיקן שמייכל, דײַן זיסן.
פון זיסקײַטן דײַנע טריפט שטענדיק מיט גיפט,
מיט ביטערער גאַל פון דײַן שווארצן געוויסן.

* * *

מער זאָלסטו דעם קאָפּ דײַנעם
אין באהעלטעניש ניט האלטן
ווען קומען וועט א קעגנער דאָס לעבן דײַנס צעשפּאלטן, —
ווײַז ארויסעט דרייסטקײַט אין געפאר דער גרעסטער.
מוטיקײַט איז שארפער פונעם שאַרפסטן מעסער.
העלדישקײַט נעמט אײַנעט גאנצענע מעדינעס,
פון פאכדאָנעס פלאצן לענדער, ווי געפלאצטע סטרונעס.
איז גיי ארויס געוואגטער קעגן גרעסטער דראָונג,
ווער עס גייט מיט שטאָלצקײַט, איז מיט זיג באוואָרנט.

ווער לײַדט נאָך אזויפיל?

ווער לײַדט נאָך אזויפיל אין וואלד,
ווי דאָסביימל, דאָס נאָרוואָס פארפלאנצטע?
קומט א שטורעם צו גיין, אָן שום מיטלײַד באפאלט
די יונגינקע צווײַגלעך, וואָס קאָנען ניט ריידן אינגאנצן,
נאָר די וואָרצלען זיי האלטן זיך קרעפטיק און שטארק
אין דער ווארעמער ערד, וואָס איך האָב פארפלאנצט דאָ.
כ'האָב קיינמאָל קיין מי פאר מײַן בוים ניט געקארגט,
כ'האָב שטענדיק דערנערט אים מיט דרייסטקײַט פון הארצן,
האלטן די וואָרצלען זיך אייניק און שטארק
אין דער אייגענער ערד, וואָס איך האָב פארפלאנצט דאָ.

אָונטיקע פײַערן

װען ס'צינדן אָן זיך אָף די װעגן
אָונטיקע פײַערן,
און אומגעריכט אין הארצן
א פארטרויערטקײַט שװימט אָן,
איז װי װײַט זי זאָל ניט זײַן פארװאָרפן איצט פונדאנען,
דוכט מיר, װי זי גייט מיר שטענדיק אָן אנטקעגן,
לאָז איך זיך צו איר דורך די אויסגעקרימטע שטעגן.
דערזע איך פון דער נאָענט, װי מײַן װארעמקײַט מײַן טרײַע,
װאָס אָנגעזאמלט האָב איך בלויז פון אירעטװעגן,
צעטיילט זי גאָר פאר פרעמדע, נאָר ניט פאר מײַנעטװעגן.
לעש איך אויס די פײַערן, װאָס לויכטן אָף די װעגן,
אז קיינער זאָל ניט זען, װי איך גיי צו איר אנטקעגן...

אָט די דינינקע װערבע

דו זעסט אָט די דינינקע װערבע,
װאָס דער װינט קאָן זי בויגן, װי רייפלעך זי בויגן,
װיפל אים װילט זיך אליין,
נאָר איר דראָטיקער קערפּער
קאָן ליידן פון פײַנטלעכסטע בויגן,
קוקט זי מיט גלײַכגילט דעם װינט אין די אויגן,
מיט װירדע דעם קאָפּ האלט זי הויך אופגעהויבן,
אָט דאָ נעבן טײַך, לעם איר װערבישער היים.
כאָטש ס'האָבן די װינטן מיט נאָדלען געשטאָכן,
אָף װאסערן גרינע די בלעטלעך צעשאָטן,
פארטראָגן עס האָבן די שטראָמען זיי װײַט,
נאָר צופוס איז די װערבע אליין אומגעגאנגען
באָרװעסערהייט אינעם טײַך,
פארװאשענע בלעטער זי האָט זיי צעהאנגען
אָף יעטװידער לײדיקער צװײַג.

* * *

כ'האָב אַלע מײַנע שפּיגלען צעבראָכן,
איך זאָל זיך מער אַליין ניט זען,
ליגן שטיקלעך אַפן דיל צעוואָרפן
און שפּיגלען אָפּ מײַן שווערע זעל.

געפינט מײַן האַרץ זיך

געפינט מײַן האַרץ זיך צווישן ביימער,
בליט עס ווי אַ בוים.
געפינט מײַן האַרץ זיך צווישן שומרים,
וויל איך אויך אַ שומער זײַן.
קעדיי אײַנהיטן דאָס לעבן,
ס'זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן מיט שוים.
וויל איך זײַן אַ בוים צווישן ביימער,
וויל איך זײַן אַ שומער צווישן שומרים,
און אָפּהיטן די שיינקײַט
פון יעדן וווּנדערלעכן טרוים,
און אויך פאַרהיטן אונדזער לעבן,
ס'זאָל ניט פאַרפלייצט ווערן מיט שוים.

* * *

צופיל פרײַהײַט קאָן דיך ווײַט פאַרפירן,
ווייניק פרײַהײַט לאָזט ניט גיין פאָרויס,
פון פאַרקלעמטער פרײַהײַט קאָן דאָס האַרץ קלאַפּירן,
און פון גרויסער פרײַהײַט, ווערט דאָס האַרץ אויסגעבלויזט

* * *

צו די ריכטער, וואָס באַפרײַען נאַצי־סטן

אַנשטאָט צו מישפּעטן דעם הענקער
מישפּעטסטו דעם קאָרבן,
פרעג איך דיך: נו, זאָג מיר,
ווער האָט דיר די רעכט געגעבן,
זאָלסט די גערעכטיקײַט פֿאַרפֿאָלגן,
און זיך דערלויבן אַזאַ העפקער,
אַזאַ פֿרעכקײַט צו פֿאַרמאָגן?
ענטפֿער, אויב דו האָסט מיר וואָס צו זאָגן.
ווער דערלויבט דיר זײַן אַ ריכטער,
אויב דו קענסט ניט ערלעך דענקען,
אַנשטאָט צו מישפּעטן דעם הענקער
מישפּעטסטו דעם קאָרבן.
וואָס זשע שווײַגסטו, גיב אַן ענטפֿער,
ווײַזט אויס, דו האָסט ניט וואָס צו זאָגן.
קום איך מעלדן דיר איצט אָפֿן,
אַז כאָטש כ'בין קײנמאָל ניט געווען קיין ריכטער,
קיין אורטייל ניט אַרויסגעטראָגן קײנעם,
נאָר ווי אַ דיכטער וועל איך דיך באַשטראָפֿן
און מײַן אורטייל דיר פֿערזענלעך ברענגען...

* * *

ווערטער ניט דערזאָגטע,
פֿאַרבאָטענע געדאַנקען,
אַ פֿריילעכע קאָהאָרטע
פֿון ליכטיקע פֿאַרלאַנגען.
זיי וועבן אויס אין האַרצן

מונטערע געזאנגען,
ווען ניט אָט די קאָהאָרטע
פון ליכטיקע פארלאנגען,
וואָלט איך, ווי ווערטער ניט דערזאָגטע,
מיט זיי צוזאמען אויסגעגאנגען.

נעם זיך אָן מיט מוט

נעם זיך אָן מיט מוט און דרייסטקייט
און פאר יעדן זאָג עס אָפן,
אז פונלאנג איז אויסגעגאן דיין טרייסטונג,
ווי א ליכט דיין טריישאפט האָט זיך אויסגעלאָשן,
ווייל דו באדארפסט ניט מער מיין שטיצע האָבן,
ווי א ראָד א פינפטע ניט באדארף דער וואָגן.
אָבער איינס כ׳וואָלט וועלן,
זאָלסט אף לאנג געדענקען
און פעסט פארמויערן אָט דעם געדאנק אין מויער,
אז אויב אין וועג דיינעם א ראָד צעברעכט זיך,
איז נאָר א פינפטע האָט דעם קויער
צו דערפירן און דערשלעפן
סיי דיין וואָגן, וואָס צעפאלט זיך,
סיי די טעמפקייט פון דיין מויער.

זאָג דעם עמעס

זאָג דעם עמעס, לאָמיך וויסן,
וועמעס שליכעס פילסטו אויסעט?
שטענדיק טראָגסטו אום א שליסל,
זוכסט די שלעסלער פון סוידעס.

דרייסט צונויף זיך, ווי א שלענגל,
און אף אלע פיר דו פויזעסט,
קעדיי אף טעלערלעך צעלייגן
די גאָרניט-זאָגנדיקע סוידעס.
האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם,
ווען צו מיר האָסטו געטראָפן,
איך באהאלט דאָך גאָרניט אויסעט,
יעדער טאט מײַנער איז אָפן.
איז ווארף אוועק דײַן זשאווער-שליסל,
זאָג זיך אָפּ פון אים אינגאנצן,
ווער עס וויל פון פרייד געניסן,
גייט ארײַן צו מיר אין הארצן.
וועט איר זען דעם פרילינג-דרויסן
מיט מונטער ריידנדיקע פלאנצן,
אָט דער, וואָס זוכט בא יענעם סוידעס,
זאָגט דעם עמעס ניט אינגאנצן.

* * *

אלץ, וואָס כ׳האָב פארהאָרעוועט,
האָסטו געמאכט עס צונישט,
און אז מיר טרעפן זיךביידע
נאָך לאנגער צעשיידונג,
נעמסטו ארום מיך און גיסט מיך א קוש.
פון דײַן הילכיקן קוש
אין די אויערן מײַנע הייבט אָן צו הודען,
דוכט מיר אויס,
עפשער איז דאָס דער בײַסיקער קוש פון יעהודען...
ווײַל ווי נאָר דו נעמסט מיך ארום,
קאָן איך דערנאָכדעם ניט כאפּן דעם אָטעם.

* * *

די ברעגן צערוקן איך וועל פון די טײַכן,
עס זאָל זייער ברייטקייט צו יאַמען זיך גלײַכן.
כ׳וועל טיפער צעגראָבן דעם אָפּגרונט פון יאַמען,
דערפירן די יאַם-טיף ביז אָקעאַנען.
צעאַקערן וועל איך פון לעבן די פלאַכן
און פריידן פארפלאַנצן איך וועל בא די שליאַכן.
די טײַכן פון ווייטעק, פון ליידן די יאַמען
צונויפרוקן וועל איך וואָס ענגער צוזאַמען.
עס זאָלן קיין יאַמען פון טרערן ניט פליסן,
נאָר יאַמען פון גוטסקייַט די ערד זאָל פארגיסן.

* * *

אַט ליגט מײַן פרייד מײַן זומערדיקע
צונויפגעקנאָרטשעט און פארשרומפן,
ווי א קלייניקע וואסערל אין אומעטיקס,
ארומגערינגלט צווישן זומפּן.
לאָז איך גיין זיך צו דעם וואסערל
דורך געדיכטער בלאָטיקייַט,
הייבט זי אויף זיך א פארנאסערטע
און טרייסלט אָפּ די קויטיקייַט.
נעם איך אָן זי פאר די הענטעלעך
און קינדעריש איך פיר זי,
דערקענט זי גלײַך די סטעזשקעלעך,
ווו זי האָט יונגערהייט פארליבט זיך.
גייען נאָך מיט איר די בערגעלעך
שוין פון זומער די פארלאָזטע,
ווי ס׳גייט א פאסטעך נאָך די שעפעלעך
אף די פעלדער די צעגראָזטע.

גיי איך אויך מיט זיי אינײנעם
מיט מײַן פרייד דער ניט צעשיידטער,
איך לאָז אינערגעץ קיינמאָל איבער
מײַן שטענדיק ערלעכן באַגלייטער.

בלויז דו אליין ווייסט

אין הארצן בא מיר גייט אום א ווײַסע וויוגע,
בלויז דו אליין נאָר פילסט און ווייסט,
ווי רעגעסווײַז דוכט אויס מיר, אז איך ווער מעשוגע,
ווען כ׳פארבענק זיך נאָך דײַן טרייסט.
נאָר פאר קיינעם ווילט זיך מיר ניט קלאָגן
און כ׳וויל פאר קיינעם גאָרניט זאָגן,
קנײַפּ איך זיך די באַקן, אז די פארב זאָל בלײַבן
אף מײַן פּאָנעם שטיין.
נאָר וויפל קאָן זיך אָט די רויטקײַט האלטן,
אָט די אויסערלעכע דרייסטקײַט פון די פארבן,
וואָס מינעט זיך און בלייכט זיך
און וויל פון הארצן ניט פארגיין.
נאָר ביז ניט קומען וועט איר טרייסטונג,
נאָך וועלכער כ׳האָב פארבענקט זיך,
וועט די אָנגעקניפּטע רויטקײַט פון די פארבן
אף מײַן פּאָנעם בלײַבן שטיין.

קליינמוט

אויב פון אייגענעם שאָטן דארפסטו אליין זיך באהאלטן,
ווײַל ס׳לויערט די שרעק און פוסטריט גייט דיר נאָך,
איז ניט מאך קיין געשריי, הייב ניט אופעט קיין גוואלדן,

זאָל קיינער ניט הערן פון קלײנמוט דעם שאָרך,
ווען דײַן אייגענער שאָטן פוסטריט גייט דיר נאָך.
דײַן מוירע פון הארצן וואָס גיכער פאַרטרײַב,
ווײַל גרויס איז די שאנד און שווער איז די פּײַן,
ווען ס'שרעקט זיך א מענטש פאר דער אייגענער שײַן.
זאָל גיכער די דרייסטקײַט דאָס הארץ דײַנס באהערשן
און די שרעק פארן שאָטן דו אליין זאָלסט פארלעשן.

די מולטער

א צעווייקטע שווערע מולטער
אפן טײַך האלט זיך קוים,
קומט א כוואליע, טוקט זי אונטער
און פארשווענקט זי מיט א שוים.
שטיי איך אינעם וואסער, און איך האלט זי אונטער,
אז ניט דערטרונקען זאָל זי ווערן אינעם טײַכל,
אָט די שווערע אויסגעווייקטע מולטער,
וואָס האָט קינדווײַז מיר געדינט נאָך פאר א וויג.
אויב פארשווונדן איז מײַן קינדערשער געפּילדער,
וואָס איז פול געווען מיט זאָרגלאָז און מיט גליק,
וואָלט איך וועלן, ס'זאָל כאָטש בלײַבן אָט די מולטער,
וווּ מײַן מאמע האָט נאָך קינדווײַז מיך פארוויגט.

ווי נאָר כ'וועל דערפילן

ווי נאָר כ'וועל דערפילן, אז דאָס הארץ מײַנס שטעלט זיך אָפּ
און דער פּולס פון לעבן קלאַפּט געלאסענער, פּאמעלעכער,
ווי פּאמעלעך עס דערנעענטערט זיך א שנעלצוג צום פּעראָן,
ווען די טאָרמאָזן פארהאלטן זײַנע אָנגעהיצטע רעדער,

וועל איך קראנקערהייט אראָפּגיין פון מייַן ווארעמען געלעגער,
צו קיינעם זיך ניט ווענדן מיט בעטלעניש נאָך הילף.
עס וועלן אין די שטייַגן ערגעץ דרעמלען נאָך די הענער,
ווען צעבינדן כ'וועל דעם אנקער פון מייַן ווארטנדיקער שיף.
שווימען כ'וועל צו ברעגן, ניט קיין ברייטערע און שענערע,
נאָר קיינער וועט ניט בויטען מער מייַן זיבערדיקע טיף.
אויב די זון פאר מייַנע אויגן וועט איר ליכטיקייַט פארקלענערן,
וועל איך שווימען לויטן מילכוועג אף א שטערנדיקער שיף.

אף דעם פאָלוסטאנעק סעמינאָל

לעם מייַן שטילן פאָלוסטאנעק שטעלט קיין שנעלצוג זיך ניט אָפּ,
ווו ניט איין מאָל כ'האָב געייַלט זיך ניט פארשפעטיקן דעם צוג,
בלויז לעם וואכנדיקע סטאנציעס, בלויז לעם ראשיקע וואָקזאלן,
וואָס פלעגט יאָגן, ווי מייַן יוגנט, איבער ווייַטע מאגיסטראלן
מיט ציכטיקע וואגאָנעס, געלאָדענע מיט שטראלן.
ווו זשע נעמט מען יענעם אימפּעט, וואָס איז אין אָפּגרונטן פארפאלן?
קומט א צוג איצט א פּאָטשטאָווער צו מייַן שטילן פאָלוסטאנעק,
ברענגט א בריוועלע צו פירן, ברענגט אמאָל א באנדעראָל,
שעפּ איך פריידן אף דער עלטער אף מייַן אויסגערוטן גאנעק
לעם מייַן שטילן פאָלוסטאנעק, וואָס רופט זיך סעמינאָל.
מייַנע דורכגעלעבטע שיווים פילן פרייַ זיך צווישן וועלדער,
אף דער גרענעץ פון מייַן עלטער פרעגט ניט קיינער קיין פאראָל,
ווי אן אלטער בוים א פעסטער, צווישן ביימער שוין באקענטע
לעב איך רויק און באשיידן אין מייַן שטילן סעמינאָל.

אַט די ווייניק פֿאַרבליבענע

אַט שטייען אַף פֿעלדער פֿאַרבליבענע זאַנגען געציילטע,
ווײַל דורכגעלאָזט האָט זיי דער שניטער
אין אײַליקן אימפּעט פֿון שניט,
כאָטש אופּגעגאַן זײַנען אין פֿרילינג די קערנער פֿאַרזייטע
מיט אַלע באַגלײַך אינדערהויך זיך צעבליט,
נאָר דורכגעלאָזט האָט זיי אַף פֿעלדער דער שניטער,
ווען ער האָט געאײַלט זיך אין אימפּעט פֿון שניט.
שטייען אַף סטערניעס די זאַנגען פֿאַרבענקטע
און וואַרטן, ס'זאָל קומען דער שניטער אַצינד,
אַט די ווייניק פֿאַרבליבענע קערנער געציילטע
פֿון האַרבסטיקן צאַר האָב איך אַלע פֿאַרהיט.

* * *

דורך דעם פֿענצטערל פֿון לעבן
קומט ווייניק שײַן צו מיר אַרײַן,
וויש איך אָפּ די שטויביקע געוועבן,
וואָס האָבן מיט טונקלקײַט באַלאַגערט מײַנע שויבן
און לאָזן ניט אַרײַן צו מיר קיין שײַן.
ס'איז מיר ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן,
ווען פֿאַרשווונדן איז דער שטויב פֿון מײַנע שויבן
און פֿון האַרצן איז אַנטרונען אויך די פּײַן.

* * *

אַז איך וועל שטאַרבן,
בעט איך אײַך ניט וויינען,
ניט דו, מײַן פֿרוי, ניט דו, מײַן טאָכטער.

דאָס קאָל פון שווערע טרערן
ניט הערן כ'וועל בעמיילע.
און איַיך וועט קלעמען ווייטעק
און איַיך וועט ווארגן פּיַין.
דורך דער גליווערניש פון שטיינער
רינט ניט דורך קיין טרערן,
דרינגט ניט דורך קיין שיַין.
איז וויינט ניט אַף מיַין קייווער
און באדויערט ניט מיַין טויט,
ווען צעשלעפּן וועלן ווערעם
דעם מארך פון מיַינע ביינער,
און ניט בלייַבן וועט קיין זייכער,
קיין סימען פון מיַין הויט,
וועט מיַין ערלעכקיַיט ארויסגיין
דורך דער גליווערניש פון שטיינער
און וועט מעלדן פאר די מענטשן בא מיַין קייווער,
אז מיַין הארץ איז דאָך אומשטערבלעך
און ווי מיַין פאָלק בין איך ניט טויט.

* * *

פאר דער וועלט כ'וויל ברענגען בלויז אזא מין פרילינג,
וואָס זאָל שטענדיק געבן פאר דער מענטשהיַיט בליִונג,
יעדן איינעם שענקען גערטנדלעך מיט צירונג,
אלעמען פארבעטן אַף דער סימכע פון מיַין פרילינג.
פון ביימעלעך די יינגסטע וועלקעניש פארטריַיבן,
ווארעמקיַיט פון הערצער פאר די בלעטער קליַיבן.
פארזייען אלע פעלדער מיט פריַינטשאפט און מיט ליבע,
אָנטאָן אלע וועלדער אין שטראליקע מאלבושים,
די גאנצע וועלט זאָל פילן מיט אלע אירע כושים,

אז איך בין אַט דער פּריִלינג,
װאָס טראָגט דער מענטשהײַט בליִונג
בעעמעס אף כידושים.

זאָל מען האָדעװען

זאָל מען האָדעװען דײַן שװאכקײַט,
זאָל מען דויבלען דיר דײַן מויעך,
פון פרעמדע קעסט די זאטקײַט
גיט ניט צו קיין קויעך.
זי פארטיפערט ניט דעם סייכל,
מאכט ניט סייכלדיק דעם מויעך,
זי פארמינערט די געװאגטקײַט,
זי פארברייטערט די פּאכדאָנעס,
אין דײַן אויסגעבויטן הייכל
װאקסן דערנער פון ראכמאָנעס.
אײַנגעדארטער װערט דײַן גװורע,
װיפל גװורע זאָלסט ניט לײַען,
אף צעברעכן מײַן קלײזײַען
װעט קיין קויכעס דיר ניט סטײַען.
ס'װעט קיין קרעפטן דיר ניט קלעקן
זאָלסט צעװאלגערן מײַן רו,
קיין געװאגטקײַט גיי ניט לײַען,
קיין דרייסטקײַט קומט צו איר ניט צו.

* * *

געהאט האָב איך א טויבנשלאק אזא שיינעם, אויסגעפּארבטן,
נאָר שענער פון זײַן שיינקײַט געװען זײַנען די טויבן,
אזעלכע װײַסינקע, טשובאטינקע, ברוינינקע און ראבינקע,

וואָס פלעגן אין קאיאָרן און אָפטמאָל אין פארנאַכטן
אַרײַנקוקן צו מיר דורך דעם דורכזיכט פון די שויבן
מיט ברוקעניש מיט היימלעכער, מיט שאָלעמדיקע אויגן.
האָט עמעצער צעטריבן זיי און זיי זײַנען זיך צעפלויגן,
זוך איך זיי אין הימל און איך קאָן זיי ניט געפינען.
וואַרט איך, ס'זאָל די האַלבנאַכט וואָס גיכער שוין אַנטרינען,
ווײַל טויבן אין דער פינצטער קאָנען דאָך ניט פליִען.
שטייט מײַן טויבנשלאַק צעעפנט, און וואַרט, וואָס גיכער זאָל שאַריִען,
קעדיי אופנעמען די טויבן, וואָס וועלן קומען נאָך צו פליִען
און ברענגען אָף די פליגלען פרידן, שטילקײַט פון באַגינען.

זיכערע וועגן

זיכערע וועגן טאָפּטשען זיך קיינמאָל ניט אויס,
מונטערע אויגן לעשן ניט אויס זייער ברויז,
ווי שטאַרק ס'זאָל דער אומעט דאָס האַרץ מײַנס ניט בויטען,
וועל איך קיינמאָל ניט ווערן אין ייִעש פאַרזונקען.
מעגן כוואַליעס אַלץ שטאַרקער מײַן שיפל צעהוידען,
וועל איך ניט לאָזן, ס'זאָל ווערן דערטרונקען.
ברענגען איך וועל דאָס צו היימישע ברעגן,
ס'זאָל קיינמאָל ניט בלאָנדזשען אָף זיכערע וועגן.

מיך קימערט ניט קיינמאָל...

מיך קימערט ניט קיינמאָל קיין אָפענע פײַנטשאַפט:
פון שטענדיק אָן שרעקט מיך פאַרטײַעטער האַס,
וואָס גאַנוועט אַרײַן זיך מיט כיינדעלעך פרײַנטשאַפט
אָף שמאָלינקע סטעזשקעס צו מיר, ווי א גאַסט.
שטייען מירביידע איינס קעגן צווייטן,

ער מיט זײַן שמייכל, און איך מיט מײַן קאַס,
ווײַזט אויס, אַז דערפֿילט האָט דער גיפֿטיקער שמייכל
מײַן הייסן צעצאָרנטן האַס.
איז דאָס כיינדל אוועק פֿון מײַן ליכטיקן הייכל,
ווי פֿאַרשעמט טראָגט זיך אָפּ אַ ניט געבעטענער גאַסט.

וואָלט די וויוגע

וואָלט די וויוגע אויגן פֿאַרמאַגט
און געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום איר,
בין איך זיכער, זי וואָלט אַזוי זיך ניט געיאָגט
און מיט בייזקײַט ניט געריסן מײַן צוגעמאַכטע טיר.
וואָלט די וויוגע אויערן פֿאַרמאָגט,
וואָלט איך דעם סאָד מײַנעם פֿאַרטרויט איר,
און שטילערהייט געזאָגט:
טשעפּע ניט מײַן טיר,

כ'האָב אומיסטן זי אַצינדערט ניט פֿאַרקייטלט,
ווײַל קומען דאַרף מײַן ליבע באַלד צו מיר.
אויך אַ וויוגע דאַרף זײַן פֿילבאַר אָפּט און איידל
און שטענדיק זען, וואָס טוט זיך אַרום איר.

ווײַסע קווייטן

ווײַסע קווייטן אויף די ווינטערדיקע שויבן,
פֿאַרפֿלאַנצט האָט זיי אַ ברענענדיקער פֿראָסט,
איז אַ וואַרעמקײַט געקומען פֿון פֿרילינגדיקע הייכן,
זײַנען אַלע זיך צעגאַנגען און אַנטרונען פֿונעם גלאָז.
נאָר די קווייטן אויף די בייטן,

וואָס פאַרפלאַנצט איך האָב אַליין זיי
פון פרילינגדיקן וואַרעם
זיי צעוואַקסן זיך אַלץ מער,
דאָס געקינצלטע אין לעבן
וועבט זיך אויסעט און צעגייט זיך,
דאָס נאַטירלעכע צעבליט זיך,
ווײַל ס׳האָבן וואָרצלען אין דער ערד.

פאַראַנען וועגן

פאַראַנען וועגן אויף דער ערד פאַרשיידענע,
סײַ פרעמדע און סײַ אייגענע,
נאָר דורכגיין ווילט זיך אַלע,
ניט ספּאַטיקען זיך, ניט פאַלן.
ווען דורכגיין וועסט די וועגן די פאַרשיידענע,
ווי אויך די וועגן דײַנע אייגענע,
וואָס וועלן די ניסיוינעס פאַר קיינעם ניט פאַרלייקענען.
נאָר יעדער פוסגייער, וועט טייקעף דאָך דערפילן,
ווי לײַכט איז אים צו שפּאַנען און ניט בלאָנדזשען
ניט אויף וועגן פרעמדע,
נאָר אויף וועגן היימישע און אייגענע.

* * *

דו זעסט אָט די שווערד, וואָס איך האַלט אין מײַן האַנט,
איר שאַרף האָט דאָס האַרץ פון מײַן שוועסטער צעשטאָכן,
און קוק איך זיך אײַן אין איר גלאַנציקן בראַנד,
דערזע איך דאָרט טויזנטער לעבנס צעבראָכן,
און טרערן באַוויינען פאַרשניטענע וואָכן.

די טרערן כ'ווישׁ אָפּ פון איר גלאַנציקן בלענד,
כ'ווישׁ אָפּ אויך דאָס בלוט פון די מערדערשׁע שׁאַרפן,
און כ'דערזע ווי מײַן שׁוועסטער זי ליגט דאָרט געשׁענדט
צווישׁן די גלאַנציקע שׁטאָלענע פאַלדן,
און ס'זיצט נאָך איר שׁיווע מײַן טרויער באַהאַלטן.

א קליינינקע שׁווערד און ווי גרויס איר פאַרברעכן,
ווי גרויס ס'איז מײַן צאַר און פון פאָלק מײַנס די ווונד,
נאָר כ'וועל ניט דערלאָזן, מײַן קאָפּ זאָל פאַרשׁווערן
א גערעכטיקער ווייטעק, וואָס שׁלעפּט מיך צום גרונט.

קלעם איך אײַן מײַנע הענט אין די שׁווערדישׁע פאָכן
מיט צעבלוטיקטער קראַפט פון מײַן לייד,
די נאַציסטישׁע שׁווערד כ'האָב אַף צווייען צעבראָכן,
און מײַן האַרץ האָט דערהערט פון ניצאָכן די פרייד,
און דאָס קאָל פון מײַן שׁוועסטער פאַרגאַנגענע לייד.

* * *

טשׁעפּע מיך ניט, האַרץ מײַנס,
לאָז א ווײַלע מיך צורו.
גענוג דאָס לעבן מיט יעסורים מיך פאַרשׁוואַרצן,
ווען שׁיינקײַטן אַזויפיל רינגלען אונדז אַרום.
וואָס זשׁע וואָיעט ער דער אומרו ווי א וויוגע אין מײַן האַרצן?
טשׁעפּע ניט מײַן שׁטילקײַט, און ווער צוביסלעכווײַז אַנשׁוויגן,
בלויז אויפמערקזאַם אָן מיטלײַד ווי א מוטער הער איך אויס,
כ'האָב די בינען-ליידן אַלע פון מײַן פּאַסעקע צעטריבן,
זיי זאָלן פליען זיך דערנערן מיט בלומען-פריידן בלויז.
איז הער מיך אויף צו הריזען,
ווײַל פון הריזעניש פון דײַנער גייט דאָס האַרץ מײַנס
אָפּ מיט בלוט.

כאָטש איך ווייס, אַז דיר איז שווער נאָך,
ווײַל דיך מוטשעט דער געוויסן,
וואָס דער אומרעכט ערגעץ לעבט נאָך מיט אַ שמייכעלע באַרוט,
גיב איך אַלעמען צו וויסן,
אַז אויך צו אים וועט זײַן אַן ענדע,
צו זײַן אומגיין, צו זײַן וואַנדערן
פֿון איינעם צום אַנדערן.
איז צווינג מיך ניט צו זוכן קיין טרײַער האַרץ פֿאַר זיך,
ווײַל איך וועל דיר ניט אָפּגעבן צו פֿרעמדע מענטשן אַנדערע.
אַז עמעצער זאָל טאַפּטשענדיק מיט אויסגעשמירטע שיך.
מיר האָבן ביידע דאָך געליטן און געפֿרייט זיך אויך צוזאַמען,
איז לאָמיר אויך אַף ווײַטער ווייטעקן פֿאַר יענעם
און ניט לעבן בלויז פֿאַר זיך.

די וואָלקנדיקע סטעזשקע

אַ וואָלקנדיקע סטעזשקע, אַ ווײַסע און אַ שמאָלע,
האָט אין הימל אויסגעשפּרייט אַ רעאַקטיווער אַעראָפּלאַן,
דערנאָכדעם מיט אַ הודעניש צעיאָגט זיך מיט בעהאָלע
און פֿאַרשווונדן אינעם אָפּגרונט פֿון דעם הימל-אָקעאַן.
נאָר דאָס סטעזשקעלע דאָס ווײַסע,
וואָס אין הימל איז פֿאַרבליבן,
האָט צו וואָלקנדלעך צו ווירקלעכע
זיך שווימענדיק דערקליבן,
אַז ס׳זאָל קיינער ניט דערקענען אינעם כמאַרעדיקן הימל,
צי איז דאָס וואָלקנדל דאָס זעלבע,
וואָס באַשאַפֿן האָט דער צעיאָגטער אַעראָפּלאַן.
צי איז דאָס אַ וואָלקנדל אַ שטילס,
וואָס וווינט אין הימל זיך באַשיידן.
און צוזאַמען מיט די כמאַרעס, טראָגט ער רעגנדיקע פֿריידן
צו באַזאַפּטיקן די אָנגעהיצטע ערד.

בענטש איך אַט די וואָלקנדלעך,
וואָס ברענגען זאפטן פאר די פעלדער,
בענטש איך אויך די יאָגעניש
פון אַט יענעם אעראָפּלאַן,
וואָס טראָגט זיך אין די ספערן
וואכזאם איבער וועלדער,
צו פארהיטן אונדזער ראכוועס
ווי אויך דעם הימל-אָקעאַן.

* * *

אין מײַן זיקאָרן ליגן אויסגעהאקטע פענצטער,
שטעל איך נײַע טאפליעלעך ארײַן,
אז ניט אומגיין זאָל א טונקעלער געשפּענסטער
מיט זײַן קאלטער שאָטנדיקער שײַן.
און אז די טאפליעלעך די פעסטע מײַנע שענסטע,
זאָל קיינער ניט צעזעצן מיט קיין שטיין,
האָב איך אלע זיי ארומגערעמלט פעסטער,
זיי זאָלן יאָרנלאַנג באליכטיקן די פענצטער
פון מײַן נײַער וואקסנדיקער היים.

* * *

מײַנע אייגענע פרײַנט לאד איך קיינמאָל ניט אײַן אף קיין סימכע,
ווי מענטשן געטרײַע זיי קומען צו גיין אין מײַן הויז,
אויבנאָן איך באזעץ זיי לעם טישן סערווירטע,
און מיט זיי טרינק איך אויס.
איך האָב ליב, ווען מע קומט אף מײַן אייגענער סימכע,
ניט ווי קיין גאסט אין מײַן אָפענעם הויז,

נאַר מענטשן, וואָס שעצן מײַן ערלעכע טירכע,
איך לאָז זיי פון שטוב ניט ארויס,
בלויז מיט זיי טרינק איך אויס.

* * *

זאָל דער שאָלעם-זיג די הערשאפט זײַנע ברייטערן,
זאָל אים קיינער אף די וועגן מיט קיין דראָטן ניט פארהאמעווען,
זאָל ער אומגיין איבער יאמען, אָקעאנען און יאבאָשעס
מיט פליגל ברייט צענומענע, ווי שוועבנדיקע בושלעס.
פון קינדווײַז אָן כ׳האָב קיינמאָל זיי פון נעסטן ניט געטריבן,
קיין שטיינדלעך ניט געוואָרפן, ניט פּאָלאָכעט, ניט צעפּוזשעוועט, —
כ׳האָב ליב געהאט פון שטענדיק זייער שטאָלצקײַט, זייער כאָשעווע.
איז טשעפּעט ניט און טרײַבט זיי ניט פון נעסטן מײַנע בושלעס,
וואָס מיט שנאָבלען קלאַפּן אויסעט אין מײַן הארצן אָפּט א נאָגעניש.
א דערמאָנונג אין מײַן מאמען, אין אירע אויגן די פארגלויבטע,
וואָס פלעגן קינדווײַז מיר דערציילן, אז מיט שנאָבל זײַנעם רויטן
ברענגט דער בושל אונדז דאָס מאזל צו זײַן נעסט זײַן אויסגעבויטער,
ער פארהיט אונדז פון געפארן, פון מילכאָמעס און פון אומגליקן,
איז טשעפּע ניט קיין בושל — פאר אים זאָלסטו ניט זינדיקן...
לאָז אים רויק דאָרטן שפּאנען מיט די פיס זײַנע די לאַנגע,
צו די הייכן, צו די שטילסטע, ער מיט פליגלען קאָן דערלאַנגען.
איז זאָלן פרייזן פונעם שאָלעם, ווי שוועבנדיקע בושלעס,
פליען איבער יאמען, אָקעאנען און יאבאָשעס.
לאָז זיי טראָגן אף די פליגלען אף די ברייטע, די צעפּאָכעטע
אָט די שטילקײַט, וואָס פון קינדווײַז כ׳האָב אין הארץ מײַנעם געהאָדעוועט.

אינהאלט

אַט שטייען זיי, די קאַפּנעס 3
כאַטש ווייניק איז פאַרבליבן 4
אַלע טײַכן האָב איך ליב 5
א טאַמוזדיקע זון 6
„פאַרוואָס ביסטו, יאַם, אַזוי ברויזיק" 6
מײַן מאַמען 7
צווישן מעלקערנס 8
גערעטעניש 12
„ניין, ניט קיין בענקשאַפט די אויגן פאַרבלענדט" 12
„בא דעם דניעפּער־טײַך" 13
„איך בין ניט קיין וואָלקן" 14
„איך דאַרף ניט צעברעכן" 14
גיפט און האָניק 14
„אַך, וואָלט איך וועלן" 15
„צי האָסטו געזען אַזאַ יאַם־ברעג" 16
„פונעם בוים אַן אַראָפּגעפאַלענע בלאַט" 17
„צווישן טויזנט הערצער" 17
„די דאָזיקע פרוי" 18
„גיב א קוק, ווי פריילעך" 18
שיידונג 19
כ'וואָלט אַלע טײַכן פאַרייניקט 20
„מיט שמייכלען וואַרעמע" 21
א געלעכטער 21
פאַראַן אַזאַ ליכטיקײַט... 22
„וואָס קומט מיר אַרויס" 23
„איך בין ניט קיין שירמע" 23
וואָס שלאָגסטו? 23
ס'איז ניט מעגלעך 24
ניטאָ אַזאַ פײַער 24
דראָטן 25
שנײַד מײַן לײַב 26
אַף אָפּרו אין וואַלד 27
שאָלעם־אַליכעם 27
„מאַיאַקאָווסקי" 29
דאָס בילד 29
ס'ליגט די ערד שוין א באַפרײַטע... 29
לעם אַן אָפּגעקילטן הימל.. 31
ווי שיין איז מײַן סעדל 31
א וווּנדערלעכע רויז 33
„פון א שטאָלצן יאַם־ברעג" 33
„די פעדעם פון פרײַנטשאַפט" 34
„ס'האָבן פרילינג־ווינטן" 34

„קען א שטערן דען אין הימל״ . . . 35
אָפּט ווערט די ווײַטקײַט... . . . 35
די שווארצע פליג . . . 36
יענע וויכטיקע סטעזשקע . . . 36
„כוואליעס שפארן אײנס דאָס צווייטע״ . . . 37
אזוינס קאָן זיך טרעפן . . . 38
ווען שווערע רעגעס קומען . . . 39
„שפיל, הארמאָשקע, שפיל״ . . . 39
אין דערווארטונג . . . 41
דו האָסט דאָך ניט איין מאָל... . . . 42
„פאראַן אזא ווערטל״ . . . 42
א פריילינג־ריטשקעלע . . . 43
„אָט דאָס הייסט א ווינט א לײַטישער״ . . . 43
„א ראכוועסדיק פעלד״ . . . 44
איך זאמל צונויף . . . 44
קום ארײַן, אומבאקאנטער . . . 45
„עס ניט דאָס הארץ״ . . . 45
ווי א מאלבעש פון וועג א פארשטויבטן . . . 46
ווען קראָען פליִען נידעריק . . . 46
ווען ס׳קלינגט מיר אין אויער . . . 47
ווען כ׳זע ניט קיין שטערן . . . 48
„מע זאָגט, אז קלוג זײַנען דעלפינען״ . . . 50
ווּ טוט מען אהין? . . . 50
ספייקעס . . . 51
מיט אירע אויגן . . . 51
גרויסע וואסערן . . . 52
מײַן מיל . . . 53
„קאָנסט ניט לעבן״ . . . 54
„אויב דײַן גלויבן״ . . . 54
„קאָנסט דערהארגענען א מענטשן״ . . . 55
„האָסט אָפּגעלעבט א לעבן״ . . . 55
ווילסטו שטאָלץ זײַן? . . . 56
אויב שטארבן, — איז העלדיש! . . . 56
אין דער נידער שטערן פאלן . . . 57
העלף מיר צונויפזאמלען . . . 58
אויב ערגעץ־ווּ . . . 58
האָט דען די רעכט... . . . 59
איז דען מעגלעך . . . 59
„צעשטעלט האָט א פישער״ . . . 60
איך זאמל צונויף . . . 61
ווי זיס און זאפטיק . . . 61
יעדער מענטש דארף ווייטעקן . . . 61
מיך שרעקט ניט . . . 62
„ס׳קאָן זײַן, אז ביימער ריידן״ . . . 63
„ניט יעטווידער נאָענט״ . . . 63

קיינער ווייסט ניט 63
אָט דאָס אומבאַשטימטע 64
פֿאַראַנען ווינטן 65
„ווען איך זאָל ניט גלייבן" 66
„פֿאַרוואָס איז דער עכאָ" 66
ווען ס׳וועקט מיך אויף אַן אומרו 67
שיפֿן מײַנע, שיפֿן 67
מײַדט ניט אויס מײַן פֿענצטער 68
מער וועט אַזוינס זיך ניט אומקערן 69
אַנטקעגן מײַנע פֿענצטער 70
ווי צאַרט ביסטו... 71
„ניט אַלץ, וואָס איך וויל" 72
„פֿאַראַנען פֿויגלען" 73
שטער ניט דער ערד 73
געדולד 74
צו דעם מערדער 74
פֿאַראַנען קאַנטן 75
ווײַזט אויס... 76
„באַרים זיך ניט קיינמאָל" 77
פֿאַר מײַן לעבן 77
דאָס סטעזשקעלע 78
אַלע וועגן 78
אַף אַוועלכן פֿעלד 78
איר געזיכט איז צעשטראַלט 79
„אַף וועגן צווישן שנייען" 79
„קאָלזמאַן" 80
ווײַזט אויס, אַז מײַן מאַמע... 80
גוטע מענטשן 81
שרײַ ניט... 81
באַהאַלטענער גליק 81
„עטוואָס ווײַטער גיב אַ רוק זיך" 82
קאָן דען בלאָנדזשען די זון? 83
„ערגעץ אינעם הימל" 83
פֿאַרטײַעטע וועגן... 84
קלאַפּט אָן די לעוואָנע 84
„מיר דוכט, אַז די זון" 85
צוגאַסט 85
„ניטאָ אַזאַ וואָלקן" 86
„אי פֿון דונערס" 86
„ווען איך זאָל קענען הערשן" 86
„אויב צו מײַן יוגנט" 87
„פֿון יוגנט דעם פּלאַם" 87
„נאָך וואָס באַדאַרף איך בעטן הילף" 88
ווען ס׳ווייַנט אַ פֿויגל 88
„זאָל זײַן דער בריק אַ שטרויענער" 89

אײַנגעשפּאַרטע גלעקער 89
„די זון וועל איך ניט לאָזן בלײַבן אײן אליין" 90
אזא גרויסער מעהאלעך 90
„כ'וועל נאָכגײן דעם עכאָ" 91
פון די דרײַסיק פאַרגאַנגענע יאָר 91
יעדער קוסט 93
כאָווער זיך שטענדיק 93
ווער האָט אויסגעקליבן בלויקײַט 94
דעם ניט־פאַרגינער 94
צוויי קויכעס 95
אָט די כמאַרעס 96
א קליין שטיקל ערד 96
„אָפּזוכן וועל איך די פונקען" 98
כ'האָב געיאַרשנט 98
„שאלאָם! שאלאָם!" 98
שטעל זיך פאָר, מײַן פרײַנט 99
נידעריק פלי ניט 99
כאָטש כ'בין אָפּן פראָנט ניט געווען 100
„א טראָפּן אין יאַם" 100
ניט בעט דעם יאַם 101
אָט דער בוים, ווי א וועכטער 101
„ס'האָט קיינער אזוי ניט פאַרבענקט זיך" 102
פאַלט א שניי... 102
„אויב גרויזאַמע שרעק" 103
מײַן אייגענעם פאַכעד 103
כ'וועל ניט דערלאָזן 104
געוווין זיך צו 105
„אויב פרייד דײַן אייגענע" 105
„פון די אויגן טריפט איר שיינקײַט" 105
אַן אָפּגעזונדערט וואָלקנדל 107
ווו נעמט מען אזא ווינט 107
ניט יעדער געשריי 108
כ'ווייס אליין ניט 108
אָפט דוכט מיר אויס... 109
לאָמיר אויסגראָבן פון גריבער 110
איך קום דיר מעלדן 110
„מער זאָלסטו דעם קאָפּ דײַנעם" 111
ווער לײַדט נאָך אזויפיל? 111
אָוונטיקע פײַערן 112
אָט די דינינקע ווערבע 112
„כ'האָב אלע מײַנע שפּיגלען צעבראָכן" 113
געפינט מײַן הארץ זיך 113
„צופיל פרײַהײַט" 113
„אָנשטאָט מישפּעטן דעם הענקער" 114
„ווערטער ניט דערזאָגטע" 114

נעם זיך אָן מיט מוט 115
זאָג דעם עמעס 115
„אלץ, וואָס כ׳האָב פארהאָרעוועט״ 116
„די ברעגן צערוקן״ 117
„אָט ליגט מײַן פרייד״ 117
בלויז דו אליין ווייסט 118
קליינמוט 118
די מולטער 119
ווי נאָר כ׳וועל דערפילן 119
אף דעם פאָלוסטאנעק סעמינאָל 120
אָט די וויניק פארבליבענע 121
„דורך דעם פענצטער״ 121
„אז כ׳וועל שטארבן״ 121
„פאר דער וועלט״ 122
זאָל מען האָדעווען 123
„געהאט האָב איך א טויבנשלאק״ 123
זיכערע וועגן 124
מיך קימערט ניט קיינמאָל... 124
וואָלט די וויוגע 125
ווײַסע קווייטן 125
פאראנען וועגן 126
„דו זעסט אָט די שווערד״ 126
„טשעפע מיך ניט, הארץ מײַנס״ 127
די וואָלקנדיקע סטעזשקע 128
„אין מײַן זיקאָרן״ 129
„מײַנע אייגענע פרײַנט״ 129
„זאָל דער שאָלעם הערשן״ 130

FEB 08 198[illegible]

יאָסל בוכבינדער

נאָענטע ווײַטן

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1983, 136 זײַטן.
ארויסלאָז־פּלאַן פון 1984 י. נומ. 392.

קינסטלער וו. לאָקשין

רעדאַקטאָר א. גוראַלניק
קינסטלערישער רעדאַקטאָר יע. קאַפּוסטין
טעכנישער רעדאַקטאָר אי. מינסקאַיאַ
קאָרעקטאָר ד. גראָזאָווסקאַיאַ

אינפאָרמאַציע־ביולעטען נומ. 3964

אָפּגעגעבן אין זאַץ 29.07.83, אונטערגעשריבן צום דרוק 06.12.83. פאָרמאַט $70\times108^{1}/_{32}$. טיפּאָגראַפיש פּאַפּיר נומ. 1. הויכדרוק. באַדינגלעכע דרוקבויגן 5,95. פאַרלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 5,26. טיראַזש 1100 עקז. באַשטעלונג נומ. 2303.
פּרײַז 60 קאָפּ.
פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 121069, מאָסקווע, וואָראָווסקי־גאַס, הויז נומ. 11. באַלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן טיפּאָגראַפיע נומ. 7 „איסקראַ רעוואָליוציי" פון „סאָיוזפּאָליגראַפּראָם" פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון ססר איבער די איניאַנים פון פאַרלאַגן, פּאָליגראַפיע און בוך־האַנדל, מאָסקווע, 121019. אַקסאַקאָוו־געסל, 13.

Иосиф Шмулевич Бухбиндер

БЛИЗКИЕ ДАЛИ
(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1983, 136 стр.
План выпуска 1984 г. № 392

Художник *В. В. Локшин.*
Редактор *У. А. Гуральник.*
Худож. редактор *Е. Б. Капустин.*
Техн. редактор *И. М. Минская.*
Корректер *Д .С. Грозовская.*

ИБ № 3964

Сдано в набор 29.07.83. Подписано к печати 06.12.83. Формат $70\times108^{1}/_{32}$. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. л. 5,95. Уч.-изд. л. 5,26. Тираж 1100 экз. Заказ № 2303. Цена 60 коп. Издательство «Советский писатель», Москва, 121069, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» Государственного комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.